UCLA
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

Title
Kheshbn No. 124 - Fall 1994 - Journal

Permalink
https://escholarship.org/uc/item/8np7t9nv

Journal
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 124(1)

Publication Date
1994

Copyright Information
Copyright 1994 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

# חשבון

פּעריאָדשע שריפט פאַר ליטעראַטור
און געזעלשאַפטלעכע ענינים


**124**

**האַרבסט**
**תשנ"ה**

**AUTOMN**
**1994**


ארויסגעגעבן פון:

- **לאָס אַנדזשעלעסער יידישן קולטור־קלוב און שרייבער־קרייז**

מיט דער מיטהילף פון:

- **ל.א. קאונסיל פון ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד**
- **אַרבעטער רינג קולטור־צענטער אין ל.א.**

לשנה טובה תכתבו ותחתמו

## דער ציוניסטישער אַרבעטער פאַרבאַנד

● איז אַ קאָנסטרוקטיווער כוח אין יידישן לעבן אין אמעריקע. דעם פאַרבאַנדס אַרבעטער־ציוניסטישער פּראָגראַם שליסט איין:

● אָנטייל אין אַלע אַקטיוויטעטן וואָס שטאַרקן דעם פּאָליטישן, עקאָנאָמישן און זיכערקייט־פּראָגראַם פון מדינת ישראל;

● שטאַרקן דעם כוח פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל – די הסתדרות העובדים;

● העלפן דעמאָקראַטיזירן יידיש לעבן אין אַמעריקע און זאָרגן פאַר דעם יידישן המשך;

● קעמפן פאַר אַ בעסערער אָרדענונג פון סאָציאַלן יושר און שלום אין אַמעריקע און אין דער גאַנצער וועלט.

דער פאַרבאַנד איז אַ פראַטוירנאַלע אָרגאַניזאַציע
וואָס זאָרגט פאַר דעם היינט און מאָרגן
מיר לאדן אייך איין אָנצושליסן זיך אין אונדזערע רייען

ל.א. שטאַט־קאָמיטעט פון
ציוניסטישן אַרבעטער פאַרבאַנד
לואי סענעסיב, פּרעזידענט

**LABOR ZIONIST ALLIANCE**
8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048
Telephone: 655-2842

**HESHBON**
*PERIODIC LITERARY REVIEW*

8339 West Third Street • Los Angeles, Calif. 90048

EDITORIAL BOARD:

**MOSHE SHKLAR**, Editor
469 N. Orlando, L.A., CA 90048

**ISRAEL GUBKIN**
Co-editor

ADMINISTRATIVE COMMITTEE:

**N. STEINMAN**, Financial Sec'y
12017 Goshen Ave., Apt. 7, L.A. CA 90049 - Tel: 310 / 820-2976

**H. HIRSH**, Administrator

Members: **N. GIEROWITZ, L. MEISNER, J. SHAFER & Z. MALEVITZ**

# אינהאַלט


משה וואָלף: יידיש - "מאַמע-לשון" - דער בן־יקיר פון דעם

אשכנזישן יידנטום ........................ 3

צבי אייזנמאַן: לידער ........................ 12

חנן קיעל: לידער ........................ 13

יצחק קאַהאַן: דער אומשטערבלעכער שלום-עליכם

(צו זיין 135־טן געבוירן־יאָר) ........................ 15

לילי בערגער: דערציילונג ........................ 22

פיניע פלאָטקין: לידער ........................ 28

עקיבא פישבין: אַן אַריינבליק אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן ........ 30

משה שקליאַר: לידער ........................ 36

חנן קיעל: אין ווייסן דזשונגל (זכרונות) ........................ 37

שמואל איזבאַן: דערציילונג ........................ 44

בעבע לעוונטאַל: ווילנע - מיט 50 יאָר שפעטער........................ 51

גרוניאַ קאַהן: ליד........................ 53

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש: לוי שאַליט -

דער ניגון פון צעבראָכענעם פידל........................ 54

יצחק בורשטין־פינער: ליד ........................ 57

שמואל באַט: מיין שכן יעקב ראָטבאַום ........................ 58

גרשון פרידמאַן ז"ל ........................ 63

חיים שוואַרץ ז"ל. ........................ 63

לילקע מייזנער: מען טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט

פונעם יערלעכן באַריכט־רעפעראַט אין יידישן קולטור־קלוב ........ 64

אָנגעקומען אין רעדאַקציע ........................ 67

רשימה פון חברים און פריינד ........................ 68

באַגריסינגען ........................ 75-69

# חשבון

נומ. 124

פעריאָדישע שריפט
פאַר ליטעראַטור, קריטיק
און קולטור־פּראָבלעמען

משה שקליאַר: רעדאַקטאָר

ישראל גובקין: מיטרעדאַקטאָר

פאַרוואַלטונג מיטגלידער:
נתן שטיינמאַן, פינ. סעקר.
צבי הירש, פאַרוואַלטער
נתן גראַוויטש
לילקע מייזנער
יעקב שייפער
זעלדע מאַלעוויטש

49־סער יאָרגאַנג, נומער 124 • האַרבסט 1994 • לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפ.


## ה'תשנ"ה 5755

# לשנה טובה תכתבו ותחתמו

אַלע אונדזערע אַבאָנענטן, לייענער און מיטאַרבעטער
ווינטשן מיר אַ יאָר פון געזונט, גליק און שלום.

רעדאַקציע און פאַרוואַלטונג
פון "חשבון"

משה וואָלף

## יידיש – "מאַמע־לשון" – דער בן־יקיר פון דעם אשכנזישן יידנטום

"...פון וואָרמס, פון מאַינץ און פון שפייער
דורך פראָג און לובלין, ביז אָדעס
האָט אַלץ זיך געצויגן איין פייער
האָט אַלץ זיך געצויגן אַ נס".
(אברהם ליעסין, "יידיש")

די יידישע וועלט וועט אודאי אין גיכן אָפּמערקן אַ זייער וויכטיקע דאַטע: – צוועלף הונדערט יאָר זינט עס איז אויפגעקומען דאָס אַשכנזישע יידנטום, 12 הונדערט יאָר פון ווונדערלעכן שאַפן, פון דראַמאַטישן גאַנג, פון גבורה, פון גרויליקע פאַרלוסטן און דאָך פון... קיום.

פאַרשידענע בייזע ווינטן האָבן געטריבן אונדזער פאָלק פון איין אָרט אויף דעם אַנדערן און קיין מאָל ניט געלאָזט רוען.

מיט צוועלף הונדערט יאָר צוריק זענען טויזנטער יידישע משפחות, צוזמערסטן פון צפון־איטאַליע (פון דער לאָמבאַרדיע־געגנט) אָנגעקומען אין די פּראָווינצן פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך און האָבן זיך באַזעצט אַרום דעם טייך רהיין. עס זענען אויפגעקומען פאַרשידענע קהילות אין מיינץ, וואָרמס, שפייער, רעגענסבורג,

מאַגדעבורג, באַן א.א., וואָס האָבן זיך פאַראייניקט אין איין גרויסן יישוב אונטערן נאָמען אשכנז (אַ חומש־וואָרט, וואָס באַדייט־"דייטש")

אין גיכן, אָבער, האָבן זיך אָנגעהויבן פאַרשידענע באַגרענעצונגען, בייזע אינסינואַציעס און גרויליקע רדיפות קעגן די יידן. די בעלי־מלאכות, ערד־אַרבעטער און סוחרים האָבן ניט געקאָנט פאַרווירקלעכן זייער אַקטיווקייט. וואָס ווייטער איז די שנאה צו זיי געוואָרן אַלץ גרעסער און אַגרעסיווער. ניט איין מאָל זענען די יידן פון אַשכנז געשטאַנען פאַר אַ סכנה פון אומקום. אָבער שטענדיק האָבן זיי אַרויסגעוויזן האַרטנעקיקן געדולד, אחריות, ענערגיע און איבערגעגעבנקייט - ניט נאָר צו זייערע משפחות און אייגענע היימען, נאָר צו דעם גורל פון דעם יידישן פאָלק.

אַ סך סבות האָבן גורם געווען דערצו, אַז גראָד דאָס אַשכנזישע יידנטום זאָל ווערן דער שומר ישראל און דער צעמענט פון דעם יידישן פאָלק. צו די וויכטיקסטע פון זיי געהערן דאָס שטאַנדהאַפטיקע שטרעבן צו פאַרווירקלעכן די אידעע פון נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער אידענטישקייט, די צוגעבונדנקייט צו דער תורה און אויך די קדמונישע באַדערפעניש צו לערנען די קינדער און אייניקלעך.

אָט די דערמאָנטע (און אויך אַנדערע) אייגנשאַפטן האָבן געבראַכט דערצו, אַז די אָנגעקומענע פון פאַרשידענע קאַנטן יידן זאָלן שאַפן אַן אייגענע שפּראַך, וואָס האָט באַדאַרפט זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַלע שיכטן פון פאָלק "כדי איטלעכער געמיינער מאַן זאָל דאָס קענען וויסן" ( רבי איינשל, "מרכבת המשנה", קונקורדנציה, קראָקע, 1534).

די היסטאָריאָגראַפישע פאָרשונגען אין דעם לעצטן יאָרהונדערט האָבן באַרייכערט אונדזערע קענטענישן וועגן דער אַנטוויקלונג פון די אָנפאַנג־תקופות פון יידיש (עברי־דייטש, יידיש־דייטש, אשכנז). די ערשטע תקופה האָט זיך אָנגעהויבן אַן ערך טויזנט יאָר צוריק (10-11־טער י.ה.) און האָט זיך געצויגן ביז צום 14־טן י.ה. אויפגעקומען איז יידיש אויף דער באַזע פון צונויפשמעלצונג פון פאַרשיידענע דייטשישע דיאַלעקטן מיט העברעיש אין דער פאָרם פון גלאָסעס - יידישע טייטש ווערטער, וואָס מען האָט אַריינגעבראַכט אין די העברעישע טעקסטן. צום ערשטן זענען פאַרטייטשט געוואָרן ווערטער, דערנאָך אויסדרוקן, זאַצן און אויך גאַנצע קורצע ציטאַטן.

אין דער צווייטער תקופה (13-16־טער י.ה.) פאַרפעסטיקט זיך דער יידיש־טייטש. ס'באַווייזן זיך שוין פאַרטייטשונגען פון גאַנצע טעקסטן, איבערזעצונגען פון ספרים און עס הויבט זיך אָן די אַנטוויקלונג פון דער האַנטשריפטלעכער ליטעראַטור.

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג פון יידיש איז פאַרבונדן מיט דער איבערוואַנדערונג פון די אַשכנזים אין די סלאַווישע לענדער. אָנהויבנדיק פון דעם 16־טן י.ה., וואַנדערן אַריבער אַלץ מער יידן פון דייטשלאַנד קיין פוילן, גאַליצע, פּאָדאָליע, וואָלין און אין אַ ריי שטעט פון ווייסרוסלאַנד. אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם קומען פאָר ווייטערע צונויפמישונגען פון יידישע "ריידערייען". עס פאַרשטאַרקט זיך די ווירקונג פון די סלאַווישע שפּראַכן און אויך פון דער העברעישער שפּראַך.

דער קאַמף פאַר אַריינברענגען יידיש־דייטש אין די סלאַווישע לענדער האָט געדויערט גענוג לאַנג. ביז דעם 17־טן י.ה. זענען געווען פּראָווינצן, אין וועלכע דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט גערעדט אויף די סלאַווישע שפּראַכן. נאָר נאָך דעם, ווען עס זענען פאָרגעקומען די בלוטיקע רציחות פון באָגדאַן

כמעלניצקי (1648), וואָס האָבן אומגעבראַכט גאַנצע יידישע קהילות, האָט זיך אָנגעהויבן דער ווייטערדיקער פאָרשריט פון דער יידישער שפּראַך.

עס דרינגען אַריין אַלץ מער אין יידיש־דייטש העברעישע ווערטער, גלייכווערטלעך, וואָס ווערן גענוצט אויף באַצייכענען אידיאָמען פון מאָראַלישער און אינטעלעקטועלער באַדייטונג.

יידיש־דייטש איז געוואָרן אַ נויטווענדיקער עלעמענט ביים לערנען. נישט נאָר דער רבי (מלמד) האָט פאַרטייטשט דעם תלמיד דעם פסוק אין דער פאַרשטאַנדיקער שפּראַך (ד.ה. אין יידיש־דייטש), נאָר אויך די עלטערע מענטשן, וועלכע האָבן געמוזט זוכן דעם טייטש פון די ווערטער, זענען געקומען צו דער געוויינהייט איבערצוזעצן, פאַרטייטשן דאָס, וואָס איז געזאָגט געוואָרן אין קורצן, ברמז דורך די תנאים און זייערע מפרשים.

אָט אַזוי, ווייט פון דעם דירעקטן דייטשישן איינפלוס, קומט פאָר די ווייטערדיקע טראַנספאָרמאַציע פון יידיש־דייטש אין אַ שפּראַך, וואָס יעדער איינער פאַרשטייט זי און קאָן זיך שוין "אָפּרעדן פונעם האַרץ". מיט דער צייט איז זי געוואָרן ליב און אויף אַזוי פיל נאָענט, אַז דאָס פאָלק האָט איר צוגעאייגנט דעם נאָמען "מאַמע־לשון".

עס איז אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז ביז היינט איז נאָך ניט אויסגעקלאָרט, מיט וואָס האָט יידיש (די איינציקע שפּראַך אין דער וועלט) פאַרדינט דעם דאָזיקן זכות. הומאָריסטן זאָגן - "דאָס איז דערפאַר, ווייל ווען די מאַמע עפנט איר מויל, האָט שוין נישט דער טאַטע וואָס צו זאָגן!" דאָס איז אָבער נאָר אַ וויץ - אַן ענטפער נאָר צום לאַכן.

פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פאַקטאָרן האָבן גורם געווען דערצו. אָנהויבנדיק פון די אַלטע צייטן האָבן דער תנ"ך, די משנה און דער תלמוד דערצויגן דאָס פאָלק אין גייסט פון הויכשאַצונג און אָפּשיי צו דער "אם הבנים" - צו דער יידישער מאַמען, וואָס איז שטענדיק גרייט געווען אָפּגעבן דאָס לעבן פאַר די קינדער; צו דער עקרת הבית - צו דער אויסהאַלטערן פון דעם הויגעזינט, וואָס ברענגט אַריין ברכה אין איר הויז (חולין, סד, עב). אין דער אויפקום־תקופה פון אַשכנזישן יידנטום ווערט די מאַמע אויך די פרנסה־געבערן. די דערציערן און די לערערן פון אירע קליינע קינדער (באַזונדערס פון די מיידלעך), ווייל דער מאַן פלעגט זיך אָפּגעבן מיט תורה.

דאָס פאָלק האָט אָנגערופן זיין שפּראַך "מאַמע־לשון" דערפאַר, ווייל דאָס ערשטע וואָרט וואָס דאָס קינד דערהערט און דערפילט, איז דער פשוטער וואָקאַל־קלאַנג "אַ־אַ־אַ־אַ־אַ", און ווען דאָס קינד הויבט אָן צו וויינען, דערהערט עס באַלד דער מאַמעס לינדערנדיקע מיטגעפיל־ווערטער: "מיר זאָל זיין פאַר דיר! מיר זאָל זיין פאַר דיינעביינדעלעך". אַפילו די פשוטע וואָקאַלן "אַ־אַ־אַ־אַ" אַרויסגעזונגענע מיט דער ספּעציפישער יידישער נגינה, באַקומען זייער באַזונדערן טעם. פון די ערשטע טעג פון זיין לעבן, נאָך ליגנדיק אין וויגעלע, פלעגט דאָס יידישע ייִנגעלע דערהערן און איינזאַפּן אין זיך דער מאַמעס ערשטע אָנווייזונגען, ווי אַזוי ער דאַרף זיך פירן, ווען ער וועט ווערן אַ ביסל עלטער:

"אונטער.....לעס וויגעלע
שטייט אַ גאָלדערן ציגעלע
דאָס ציגעלע איז געגאַנגען האַנדלען
ראָזשענקעלעך מיט מאַנדלען.

- וואָס איז די בעסטע סחורה?
.....לע וועט לערנען תורה!"
(אָדער "דער מיידעלעס חתן" וועט לערנען תורה)

נאָר די יידישע מאַמע האָט געקאָנט מיט אַזעלכע פּשוטע ווערטער איינפלאַנצן אין דעם קינדס האַרץ די ליבע צו דער תורה, צום בוך, צו לערנען.

די יידישע מאַמעס, וועלכע זענען לויטן דין נישט מחויב צו דאַוונען, האָבן מיט גרויס חשק געלייענט די ערשטע חומש־טייטש־ביכער - דאָס צאינה וראינה־בוך. צווישן די ערשטע ביכער וואָס זענען געשריבן געוואָרן אין יידיש, זענען געווען די ווייבערשע תחינות - זאַמלונגען פון פאַרשידענע תפילות, וועלכע זיי פלעגן נישט זעלטן אַליין פאַרפאַסן, און מיט וועלכע זיי פלעגן זיך ווענדן צו גאָט:

- "גאָטעניו האַרציקער!" (אין וואָס פאַר אַ שפּראַך נאָך איז פאַראַן דער אידיאָם "גאָטעניו האַרציקער"?) - "איך פלונית בת פלונית קום צו דיר מיט אַ געוויין, דערבאַרעם זיך אויף מיינע קינדער, אויף מיין מאַן! גיב אונדז געזונט און פרנסה, פון דיין אָפענער האַנט, מיר זאָלן ניט דאַרפן אָנקומען צו אַנדערע, אמן סלה!"

ביסלעכווייז האָט דאָס מאַמע־לשון אָנגעהויבן אַריינדרינגען אין די שילן און בתי מדרשים. די מגידים, כדי דער עולם זאָל פאַרשטיין, האָבן זייערע דרשות געהאַלטן אין יידיש. רבי לוי יצחק וועלכער פלעגט פאָדערן מען זאָל אים רופן נאָך זיין מאַמעס נאָמען) בן שרה־סאָסיע פון באַרדיטשעוו, פלעגט זייער אָפט אָנהויבן דאָס דאַוונען אין יידיש. זיינע באַוווּסטע דין־תורות מיט גאָט פלעגט ער פירן נאָר אין יידיש:

"רבונו של עולם" - פלעגט ער אָנהויבן זיין קריג מיט גאָט - "וואָס האָסטו דו צו דיין פאָלק ישראל? וואָס האָסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל? איך וועל זיך ניט רירן פון מיין אָרט ביז דו וועסט מיר ניט ענטפערן, און אַן עק זאָל שוין דאָס נעמען!"

דאָס באַווייזט, אַז יידיש ווערט אַ צעצווייגט פאַרבינדונגס־מיטל - ניט נאָר צו פאַרטייטשן הייליקע טעקסטן. מיט דער צייט וואַקסט די צאָל מענטשן, וועלכע באַנוצן זיך מיט דער שפּראַך אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ניט נאָר די רבנים און די חסידים, נאָר אויך אַנדערע, באַזונדערס די אָרעמע שיכטן פון פאָלק - דאָס עמך, דער "שער און אייזן", די הענדלער נעמען אויף דאָס מאַמע־לשון ווי זייער נאַטירלעכע שפּראַך, אין וועלכער זיי דריקן אויס זייערע אינטימע געפילן - זייער ליבע און האַס, זייער טרויער און פרייד, זייער פאַרדראָס און פּראָטעסט, זייער צווייפל און בטחון.

אין אָנהויב פון דעם 17־טן י.ה. באַווייזן זיך ערשטע אָריגינעלע ביכער אין יידיש. צו זיי געהערן ביכער פון היסטאָריע: וועגן די פאַרפאָלגונגען פון די קאָזאַקן אונטער כמעלניצקיס אָנפירערשאַפט (1648), וועגן די פאַרפאָלגונגען אין פראַנקפורט (1616-1614), דעם בונט אין האַמבורג (1729). צו דעם מין געהערט אויך דאָס בוך זכרונות, וואָס ס'האָט אָנגעשריבן אַ יידישע פרוי גליקעל פון האַמעלן (1724-1646), וועלכע האָט געלעבט אין האַמבורג. עס הויבן אָן דערשיינען יידישע מאָנאָגראַפיעס וועגן ארץ ישראל, אין וועלכע עס ווערט באַשריבן די געאָגראַפיע און אויך אירע איינוווינער אין דער דעמלטיקער צייט. אין 1690־טן יאָר דערשיינט אַ האַנטבוך פון אַריטמעטיק און אַ בוך "אָנווייזונגען פאַר האַנדלס־מענטשן" (פאַרפאַסט פו שבתאי באַס). עס ווערן אויך איבערגעזעצט אין יידיש געאָגראַפיע־האַנטביכער, וואָס זענען געווען נייטיק פאַר סוחרים און פאַר רייזנדיקע יידן.

אין 18־טן י.ה. הויבן אָן קלינגען פאָלקלאָר־שאַפונגען: פאָלקס־לידער, מעשיות און

שפריך־ווערטער, וועגן וועלכע מען ווייסט ניט ווער עס האָט זיי געשאַפֿן.

די אויבן געבראַכטע היסטאָריאָגראַפֿישע פּרטים גיבן די מעגלעכקייט צו דערזען אַן אוניקאַלע דערשיינונג – דעם אויפֿקום און אַנטוויקלונג פֿון אַ נייער יידישער שפּראַך אין ניט נאַטירלעכע באַדינגונגען – אויף אַ פֿרעמדן באָדן און אין אַ פֿיינטלעכער סביבה. די דאָזיקע שפּראַך האָט פֿאַרסכהכלט טויזנט־יאָריקע קולטור־ווערטן, אויסגעדריקט זיי אין פֿאַרשטענדלעכע אידיאָמען און זיי צוגעפּאַסט צו נייע באַדינגונגען – "זי האָט איבערגעגאָסן אַלטן וויין אין נייע פֿעסער אַריין". (אי. גאָלדבערג, עסייען, 1981).

פֿון דעם דרינגט נאָך ניט אַרויס, אַז דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס פֿון דער דאָזיקער שפּראַך איז געווען אַ לייכטער, אַן ווייטיקן און אַן שטרויכלונגען. פֿאַרקערט! אין אַלע אירע פּעריאָדן (און אַפֿילו אין אונדזערע טעג) האָט זי געהאַט קעגנערס, וועלכע האָבן זי געזידלט, אויסגעלאַכט און געוואָלט זי זאָל פֿאַרשווינדן פֿונעם געברויך.

אַ באַזונדער פֿיינטלעכע באַציאונג צו יידיש האָבן אַרויסגעוויזן די אָנפֿירער פֿון דער השכלה. שוין אין 1783־טן יאָר האָט מענדעלסאָן, איר גרעסטער אויטאָריטעט, אַרויסגעלאָזט זיין שטרענגן אורטייל: "נאָר נישט די געמישטע שפּראַך", ווייל "זי קאָן נאָר דערמאָראַליזירן דעם געוויינלעכן מענטש פֿון פֿאָלק". אין הונדערט יאָר שפּעטער האָט דער באַרימטער היסטאָריקער, גרעץ, זיך אויסגעדריקט נאָך מער פֿיינטלעך. ער האָט דערקלעקט, אַז יידיש איז אַ שפּראַך פֿון האַלב־ווילדע מענטשן". אויך די רוסישע משכילים האָבן געפֿירט אַ פֿאַרביסענעם קאַמף קעגן יידיש. יצחק בער לעווינסאָן שרייבט אין זיין בוך "תעודה בישראל" (דערשינען אין 1828), אַז די יידישע שפּראַך איז אַ מיאוסער מישמאַש פֿון ביבלישע, פּוילישע, דייטשישע, רוסישע און אַנדערע ווערטער, וועלכע, זייענדיק אָרעם און ווייניק באַאַרבעט, טויגן זיי נישט אויף אויסצודריקן געפֿילן, ערנסטע אַבסטראַקטע געדאַנקען".

די דאָזיקע העצערייען, געשריבענע נישט אין יידיש, האָבן קיין דערפֿאָלג ניט געהאַט און זיי האָבן נישט געקאָנט פֿאַרטיליקן די לעבנס־קראַפֿט און דעם גייסט פֿון דער שפּראַך. נישט געקוקט אויף אַלע אָנפֿאַלן, איז זי ווי פֿריער געבליבן די שפּראַך, אויף וועלכער עס האָט שוין גערעדט דער המון, אַפֿילו די... משכילים אויך. דערצו האָבן זיי אָנגעהויבן צו פֿאַרשטיין, אַז אויב זיי ווילן מע זאָל זיי לייענען, דאַרפֿן זיי זיך ווענדן צום לייענער אין דער שפּראַך, וואָס ער רעדט און פֿאַרשטייט. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז די אָנגעזעענסטע משכילים האָבן אָנגעהויבן שרייבן אין יידיש. דער אויבן דערמאָנטער י.ב. לעווינסאָן, באַלד נאָך דעם ווי ער האָט פֿאַרעפֿנטלעכט זיין פּאַמפֿלעט קעגן יידיש, פֿאַרפֿאַסט ער אין דער דאָזיקער שפּראַך אַ בוך "הפקר־וועלט" (1842), אין וועלכן עס ווערן אַרומגערעדט און קריטיקירט די פֿאַלשקייטן און די עולות אין די קהלה־ענינים. דאָס בוך איז געווען די ערשטע סאַטירע, געווענדט קעגן די פּני, קעגן דעם אָפּגעשטאַנענעם לעבן, קעגן דער עקספּלאָאַטאַציע פֿון די אָרימע פֿאָלקס־מאַסן.

צווישן די שרייבער פֿון דער השכלה־עפּאָכע דאַרפֿן דערמאָנט ווערן אויך י. אַקסענפֿעלד און שלמה עטינגער. י. אַקסענפֿעלד האָט אָנגעשריבן אַ גרויסע צאָל ביכער און אַלע אין יידיש. אין 1862־טן יאָר דערשיינט זיין ראָמאַן "דאָס שטערנטיכל אָדער שבת חנוכה אין מעזשיבוזש" און "דער ערשטער יידישער רעקרוט אין רוסלאַנד". אין זיינע ביכער טרעט דער מחבר אַרויס קעגן פֿאַלשקייט און רשעות פֿון די רבנים און קעגן די פֿיינטלעכע געזעצן פֿון דער רוסישער ממשלה פֿון יענער צייט, וואָס זענען

געווען אָנגעצילט קעגן דער יידישער באַפעלקערונג. אויך ש. עטינגער האָט געשריבן אין יידיש. זיין קאָמעדיע שרה'קעלע ("סערקעלע") האָט דערזען די שיין אין 1861־טן יאָר. זי שטעלט פאָר דעם קאַמף צווישן דער השכלה און דער פינצטערניש פון דעם יידישן לעבן אין זיין צייט. די שפּראַך פון דער פּיעסע איז פול מיט פרישע און אָריגינעלע אויסדרוקן און איז פריי פון יעדער פרעמדער ווירקונג.

די אָנגערופענע ביכער האָבן געהאַט גרויס דערפאָלג און האָבן צוגעגרייט אויך דעם באָדן פאַר דעם מאָסן־לייענער. "זיי זענען געווען וויכטיקע מייל־צייכנס אין גרויסן, שווערן, לאַנגן פּראָצעס, לעמפּלעך אויף אַ ניט ברוקירטן וועג. דער קריטישער רעאַליזם האָט שוין געווירן און זיך געפיקט ביי די השכלה־שרייבער" (אי. גאָלדבערג, עסייען 1981, ז. 20) אין גיכן האָט זיך טאַקע "אַרויסגעפּיקט" און איז אַוועק אין איר טריומפירנדיקן וועג די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור. אין 1864־טן יאָר דערשיינט מענדעלע מוכר ספרימס ערשט יידיש בוך, וואָס באַצייכנט דעם אָנהויב פון דער קלאַסישער (גאָלדענער תקופה) פון דער היינטצייטיקער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור.

* *

*

פאַר די פאַרלאָפענע כמעט 150 יאָר, ניט געקוקט אויף אַלע גרויליקע שטורעמס, וואָס האָבן אַרויסגעריסן אַזוי פיל נערוונגס־קראַפטן פון אונדזער פאָלק, ניט געקוקט אויף אַלע אונדזערע פאַרלוסטן איז אויסגעוואַקסן אַ יידישע וועלט־ליטעראַטור, וועלכע קאָן זיך פאַרמעסטן מיט יעדער אַנדערע אין דער וועלט. זי האָט דערגרייכט די העכסטע קינסטלערישע מדרגות. צוזאַמען מיט איר איז געקומען צום אויפבלי די יידישע שפּראַך, אָן וועלכער עס וואָלטן ניט געקאָנט רעאַליזירט ווערן די דערגרייכונגען פון דער ליטעראַטור. אַלע היסטאָרישע פּראָצעסן און ראַנגלישן האָבן געפונען זייער אָפּקלאַנג אין דער יידישער שפּראַך. "זי האָט אויסגעדריקט דאָס געוויין פון אונדזערע עלטערן, דעם וידוי־געשריי פון דורות, דעם גיפט און פאַרביטערטקייט פון דער געשיכטע" (י.ל. פּרץ)

אין 1908־טן יאָר קומט פאָר אין טשערנאָוויץ די ערשטע אַלוועלטלעכע קאָנפערענץ, וועלכע איז אַריין אין דער געשיכטע אונטערן נאָמען: "קאָנפערענץ פאַר יידישער שפּראַך". אין איר האָבן אָנטייל גענומען די צוזאַמערסטן אָנערקענטע פאָרשטייערס: שרייבערס, דיכטערס ליטעראַטור־פאָרשערס פון דער יידישער שפּראַך בראש מיט י.ל. פּרצן און חיימס זשיטלאָווסקין. דער לעצטער האָט אין זיין אַרטיקל "די יידישע שפּראַך־באַוועגונג און די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ" אונטערגעשטראָכן: "...יידיש איז אין טשערנאָוויץ דערקלערט געוואָרן פאַר אַ נאַציאָנאַלער שפּראַך, און דערמיט גופא איז געגעבן געוואָרן דער העפטיקער קלאַפּ צו יענעם נבזהדיקן איינשטעל פון כמעט דער גאַנצער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך באַצויגן צו יידיש מיט ביטול אָדער האָס ווי צו אַ "זשאַרגאָן"..."

די טשערנאָוויצער קאָנפערענץ האָט געגעבן אַ נייעם אימפּולס, וואָס האָט לאַנג נאָך שפּעטער סטימולירט די צעבליונג און פּרוכטבאַרקייט פון דער יידישער שפּראַך. אַ חוץ די קלאַסיקערס, באַלייכטן דעם האָריזאָנט פון יידיש נייע גרויסע טאַלאַנטן: שלום אַש, רייזען, נאָמבערג, אַנ־סקי, הירשביין א.א. אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות אַנטוויקלט זיך די גרויסע יידישע ליטעראַטור אין פּוילן, די רייכע יידישע ליטעראַטור

אין דעם אַמאָליקן סאָוועטן־פאַרבאַנד און אויך אין אַמעריקע.

און ניט געקוקט אויף די אַלע אָנגעוויזענע "יידישע גליקן" איז די גרינגשעצונג צו דער יידישער שפּראַך ניט פאַרשוווּנדן. ניט נאָר אין די פאַרשידענע לענדער פון אייראָפּע און אַמעריקע, נאָר אויך אין דער יידישער מדינה מערן זיך די רייען פון חוזק מאַכערס און אַסימילירטע עלעמענטן, וואָס אָנערקענען ניט יידיש ווי אַ שפּראַך, בכלל, און זאָגן פאָרויס איר אונטערגאַנג. ניט איין מאָל קומט אויס צו הערן: "פע! יידיש? יידיש איז ניט קיין שפּראַך! זי איז געווען און פאַרבלייבט אַ זשאַרגאָן, אַ וויניגרעט!" און אָט די פיינשמעקערס באַמערקן ניט דערביי, אַז זייער ערשט וואָרט: "פע" איז אַן עכט יידיש וואָרט, וואָס איז ניטאָ אין קיין אַנדער שפּראַך!

אַנדערע דריקן אויס זייער גרינגשעצערישע באַציונג צו יידיש אַ ביסל מער "אינטעליגענטיש":

– יידיש איז דער "ראָבין הוד" וואָס באַגנבעט אַלע שפּראַכן און מאַכט פון זיי אַ גאַנצן צימעס!

דער אַמעריקאַנער זשורנאַליסט טשאַרלס ראַפּאַפּאָרט ווּיצלט זיך: "איך קאָן 10 שפּראַכן און אַלע זענען זיי אין יידיש".

וואָס דאַרף דאָס באַדייטן – אפשר גאָר אַ קאָמפּלימענט?

די יידישע שפּראַך נוטיקט זיך ניט אין אַזעלכע לצנישע קאָמפּלימענטן!

אונדזערע יידישע גאונים, די שעפּער פון דער יידישער ליטעראַטור און פאָרשערס פון דער יידישער שפּראַך האָבן אונדז איבערגעלאָזט אַן עושרדיקע ירושה, וואָס באַווייזט, אַז די יידישע שפּראַך פאַרמאָגט איר באַזונדערע שיינקייט, איר באַזונדערן חן. זי איז ענלעך אויף שלום־עליכמס יתום, מאָטל פּייסי דעם חזנס, וועלכער איז אויסגעשטאַנען אַלע אומגליקן, נאָר האָט פאַרהיט און זיך זיין ליכטיקייט, זיין ליבשאַפט צו מענטשן, שאַרפזיניקייט, זיין חוצפּה און זיין ווירדע.

די יידישע שפּראַך האָט אַרויסגעוויזן אַ סך עלאַסטישקייט און אומגעהערטן ווידערשטאַנד צו אַלע אירע געפערלעכסטע שונאים, אַפילו צום... טויט. אפילו אין די טויט־לאַגערן האָט ניט אויפגעהערט צו ברומען און שאַלן, צו שעלטן דעם שונא, צו באַוויינען און מונטערן דאָס יידיש וואָרט. איידער זיין אַריינגיין אין דער גאַז־קאַמער האָט הירש גליק אוסגעשופּרט זיין צוואה־ליד: "זאָג ניט קיין מאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג".

אַחוץ טרייסט, ליבע און צאַרטקייט, פאַרמאָגט אין זיך דאָס מאַמע־לשון אויך בייזקייט, איראָניע און אייגן־איראָניע, סאַטירע און סאַרקאַזם. אין זיינע ערשטע ביכער: "דאָס קליינע מענטשעלע", "די קליאַטשע" און אויך אין אַנדערע, טרעט אַרויס דער "זיידע" – מענדעלע מוכר ספרים ווי איינער פון די טאַלאַנטפולסטע סאַטיריקער אין דער וועלט. זיין יידישע שפּראַך איז פול מיט רחמים צו דעם קליינעם מענטשעלע. זי איז אָבער פול מיט צאָרן און גאַל, ווען ער שילדערט יענע וואָס דריקן און באַליידיקן "דאָס קליינע מענטשעלע" – אַלע, וועלכע ווילן ניט וויסן פון זיין נויט און פון זיין דערשלאָגנקייט.

דאָס אייגענע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דעם זיידנס נאָכפאָלגער, דעם "יידישן מאַרק טוועין", וועגן שלום־עליכמען, וועלכער האָט אונדז איבערגעלאָזט אַ גרויסע גאַלעריע "וואָר־פּאָרטרעטן", זיין פינקלדיקן הומאָר און זיין געזונטן "געלעכטער" ("דאָקטוירים זאָגן אַז לאַכן איז געזונט") און אויך זיין "געלעכטער דורך טרערן". די רייכקייט פון

זיין מאַמע־לשון איז אומאויסשעפּלעך, און צוזאַמען איז זי אויסגעדריקט אין זיינע פּילצאָליקע מאָנאָ־און דיאַלאָגן. יעדער פּערסאָנאַזש האָט זיין באַזונדער מאַמע־לשון, וואָס גיט איבער די דינסטע ניואַנסן פון זיין געדאַנקען־גאַנג און געפילן. אַפילו די חיות, וואָס באַווייזן זיך אין די דערציילונגען, דענקען אין יידיש: "עק וועלט! - טראַכט זיך ראַבטשיק - אַ הונט זאָל נישט קאָנען ווינען צווישן הינט, צווישן אייגענע. איבערלעבן אַ טאָג! - מעג זיך שוין איבערקערן די וועלט".

נישט קלענער ("אויב נישט נאָך העכער") זענען די פאַרדינסטן פון דעם "פּאָטער" פון דער יידישער ליטעראַטור - פון יצחק לייבוש פּרצן, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אין איר דעם ראָמאַנטישן שטראָם און אויך צאַרטע לירישע מאָטיוון - אין דער יידישער פּראָזע. אין זיינע נאָוועלן, ווי אויך אין זיינע גרעסערע דערציילונגען רעדט זיך אָפּ פון האַרץ די יידישע אַרימקייט: די נייטאָרנס און די וועבערס, דער וואַסערס־פירער און די אָרימע חסידים, דער "פּעטער וואַסיל" - די פאַרבאָרגענע ל"ו צדיקים און די יידישע ווייבער, וועלכע אַרבעטן פון דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט, און פאַרהיטן זייער טרייהייט צו זייערע מענער און צום שלום־בית. אין זיינע לידער, ווי אין זיינע פּראָזע־ווערק קלינגען דעהויבענע מעלאָדיעס פון די טאַלאַנטפולע סאַמאָראָדנע יידישע כליזמרים, פּאַטעטישע נגונים פון באַגייסטערטע חסידים און אויך דער הימל גרייכענדיקער פייף פון אַ יידישן פּאַסטעך, וועלכער קאָן נאָר אין אַזאַ אופן דאַוונען און אַזוי אויסדריקן זיינע ניט באַוווסטזיניקע געפילן צו גאָט.

די יידישע פּאָעזיע פאַרמאָגט אויך אוצרות פון לידער, וואָס באַזינגען דעם פּראָלעטאַריער, רופן צו קאַמף פאַר פריייהייט, יושר און ווירדע. דאָס זענען די לידער וואָס עס האָבן פאַרפאַסט צענדליקער אַמעריקאַנער פּאָעטן: מ. ראָזענפעלד, י. באָוושאָווער, אַ. לעסין, י. ראָלניק, מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, ש. פרוג, חיים שוואַרץ. צו זיי געהערן אויך די טויזנטער לידער, וואָס עס האָבן געשאַפן די יידישע סאָוועטישע דיכטערס, דאָס רוב אומגעקומענע: פּרץ מאַרקיש, אי. כאַריק, ל. קוויטקאָ, ד. האָפשטיין. אי. פעפער, א.אַ.)

צי דאַרף מען נאָך מער באַווייזן, אַז דאָס אַלץ (און נאָך מער נישט דערמאָנטע אוצרות פון אָריגענעלע קונסט־ווערק) איז נישט געקומען פון פרעמדע שפּראַכן?

ניין! די יידישע שפּראַך איז נישט קיין "ראָבין הוד" - זי האָט ביי קיינעם ניט געגנבעט! ווי אַלע אַנדערע שפּראַכן האָט זי זיך אַנטוויקלט אין קעגנזייטיקער פאַרבונדנקייט מיט די לשונות פון די פעלקער, צווישן וועלכע עס האָבן געלעבט די שעפער פון דער יידישער שפּראַך. זי האָט ניט נאָר גענומען, זי האָט אויך פון זיך אָפּגעגעבן אירע שכנים. אַפילו די ענגלישע שפּראַך האָט אַריינגענומען אין איר לעקסישן פאַנד אַ סך ווערטער פון יידיש. אין זיין בוך "פרייד פון יידיש" Leo Rosten, The Joy of Yiddish, 1970 ווערן געבראַכט 500 ווערטער און יידישע אידיאָמען וואָס זענען אַריין אין דער ענגלישער שפּראַך, און זענען פאַרפיקסירט געוואָרן אין וועבסטערס ווערטערבוך.

* *
*

די אויבן געבראַכטע פּרטים גיבן דאָס רעכט צו שטאָלצירן און זיך פרייען. צום באַדויערן, אָבער, איז אונדזער פרייד פאַרשטערט און באַדעקט מיט צער און מיט ווייטיק, ווייל שוין כמעט 50 יאָר, ווי עס האָט זיך אָנגעהויבן און וואַקסט די רעגרעסיע

און די אַטראָפּיע פון ייִדיש. דאָס טרייע קינד פון אשכנז, וואָס איז במשך פון הונדערטער יאָרן געווען דער שומר ישראל - זיין "שילד און זיין שווערד" - דאָס ייִדיש מאַמע־לשון ווערט אַלץ שטילער, און טייל רעדן מיט באַדויער, און אַנדערע מיט שאָדן־פרייד וועגן זיין גסיסה - "ייִדיש שטאַרבט! ייִדיש איז טויט!"

...אין די שרעקלעכע שואה־יאָרן זענען אומגעקומען זעקס מיליאָן ייִדן. דערשטיקטע און פאַרברענטע אין די דייטשישע גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריעס, האָבן זיי מיט דעם רויך פון זייערע קערפּערס אַוועקגעטראָגן אין די הימלען דעם גייסט פון דעם ייִדישן לשון.

הונדערטער־טויזנטער ייִדישע לערערס, רבנים, שרייבערס און פּאָעטן, ליטעראַטור־פאָרשערס און פּשוטע אַקטיווע לייענערס זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די טורמעס און קאָנצענטראַציע־לאַגערן פון דעם אַמאָליקן סאָוועטן־פאַרבאַנד. די מערדער האָבן ניט נאָר צוגענומען דאָס ייִדיש וואָרט, נאָר אויך אַרויפגעוואָרפן אַ מורא אויף די לעבן פאַרבליבענע, און די ייִדישע באַפעלקערונג פון דעם לאַנד האָט פון שרעק פאַרלוירן איר מאַמע־לשון.

אויך די וואַקסנדיקע אַסימילאַציע אין אַמעריקע און אין די אַנדערע לענדער, ווו עס קאָנצענטרירט זיך אַן ערך 50 פּראָצ. ייִדן האָט געהאַט איר שרעקלעכע ווירקונג.

און דאָך, און ניט געקוקט אויף די אַלע אומגליקן, איז צו שטאַרבן נאָך זייער ווייט. דאָס ייִדיש וואָרט לעבט! אמת - אין דחקות, נאָר עס לעבט און וויל ניט - און וועט ניט שטאַרבן. ווי באַוווּסט עקזיסטירן אין אַ ריי אַמעריקאַנער שטאַטן און אין אָקספאָרד (ענגלאַנד), ביי די דאָרטיקע אוניווערסיטעטן קאַטעדרעס און ספּעציעלע קורסן פאַר ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור, אַזוי אויך אין מדינת ישראל. אַ פּרוכטיקע אַרבעט לטובת ייִדיש פירן דער ייוואָ־אינסטיטוט און די ייִדיש־ליגע אין ניו־יאָרק, די נאַציאָנאַלע ייִדישע ביכער־צענטראַלע אין מאַסאַטשוסעטס. אין ישראל, אין אַמעריקע און אין מאָסקווע (רוסלאַנד) דערשיינען ייִדישע ביכער און צייטשריפטן. אין אַ צאָל שולן און מיטלשולן אין ישראל לערנען קינדער ייִדיש און ייִדישע ליטעראַטור.

פאַרשטייט זיך, עס איז נאָך פרי צו זאָגן נביאות און מאַכן גינסטיקע פּראָגנאָזן. איינס איז אָבער זיכער - מיר טאָרן ניט פאַרלירן דעם בטחון און זיצן מיט פאַרלייגטע הענט. ווי שרייבט דער דיכטער מאיר חרץ ז"ל אין זיין ליד "צי בין איך שוין דער לעצטער" אַפילו ווען ער וועט שטאַרבן, וועט

...אַ צווייטער זיך שטעלן שמירן
די קייט, די גאָלדענע,
ניטאָ קיין לעצטער רינג,
נישטאָ קיין לעצטער זינגער ביי ייִדן
און ווער עס קען נאָר זינגען - זינגט, זינגט, זינגט".

---

אַבאָנירט און שטיצט

# חשבון

די איינציקע ייִדישע צייטשריפט אין די מערב־שטאַטן פון אַמעריקע

צבי אייזנמאַן / קיבוץ אלונים (ישראל)

# קוקנדיק אויף שאַגאַלס בילד

צום צווייטן מאָל שטאַרבט אויף
שאַגאַלס בילד
דער ייִד אין געטאָ.
פּידל איז הענגען געבליבן צווישן
רויט־ערד
און הימל־רויט.

זייגער האָט מיט הענט געפּאָכעט -
שפּעטו

ציג, דאָס ווייסע ציגעלע, האָט מיט
אויגן געמעקעט
צום רויטן טומאַן.
פענצטער־לעכער האָבן געשלונגען
לבנה־רונד
און ניט געקאָנט זיך זעטיקן.

זייגער האָט מיט הענט געפּאָכעט -
שפּעטו

## דו

אַ בלויִקייט איז דיר אַנטקעגנגעקומען,
בײַ די הענט גענומען
און געפירט צו מיר.

פון ערגעץ־ווּ האָט אַ וויאָלאָ
זיינע טענער אין דיינע האָר
פאַרפלאָכטן
און באַגלייט דיך
צי - חלום אין דיר.

אין מיין חלום.

די וויאָלאָ שפּילט נאָך אַלץ,
נאָר דו ביסט עפּעס אַזוי דורכזיכטיק
געוואָרן,
דורכזיכטיק און לייכט -
און כ'ווייס ניט
ווער וועמען האָט איינגעזאַפּט,
דו - אין חלום

## סדום

לאָזט אייער שאָטן ניט זעצן זיך רוען,
זאָל ער אייך פוסטריט באַגלייטן,
פאַרצוקן וועלן אים שטויביקע ווייטן.

דרייט אָן בלעכערנע פייגל
און לאָזט זיי אַרומשפּרינגען אויף צווייגן
לאָזט אייער שאָטן ניט זעצן זיך רוען!

וואָס זענען דאָ קיין מאָל ניט געווען.

בערגלעך זאַלץ הויקערן אָפּ די טעג
אין גרויער אַליינקייט,
נאָר אין לבנהדיקע נעכט גלאַנצן זיי
פאָספאָריק
מיט טויזנטער אויגן.

## וויזיע

ביימער האָבן אויסגעטאָן זיך נאַקעט,
שטערן זענען פון די הימלען אַנטלאָפן.

טשאַטעס ווערטער פליען אָן,
קלאַפּן אין די שטומע שוועלן

און בלייבן זאַלציק גליווערן.

ווייזערס זענען בלאַנקע מעסערס -
פאַלן טעג געקעפטע אין קויש פון צייט.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

## פון די נאַכט לידער

דורכן פענצטער פון מיין צעשויבערטן שלאָף
דערשראָקן, אומדערוואַרט
האָט אַ נאַכטליד אַריין זיך געשאַרט;

בלוי־דורכזיכטיק איז דער ניגון וואָס געגנאַרט
מיט פרעמד־פאַרהוילן גערייד
וואָס די נאַכט אַליין ווייסט דעם באַשייד;

נאָר דער שעת הכושר קען לאַנג נישט וואַרטן,
די גאָלדענע רגע קומט און פאַרשווינדט
אין געפליסטער פון ווינט;

ווען פאַרפלויגן דער נס מיטן דעמער פון טאָג,
– אויפן שרייבטיש וואָס איז געבליבן?
אַ ליד וואָס די נאַכט האָט געבוירן
און וואָס איך האָב באַגינען פאַלוירן.

## אַנעסטעזיע

מיט פאַרזשמורעטע אויגן האָט די נאַכטוויג
מיך איינגעוויגט אויף אירע הענט
מיין פאַרנעפלטער זיין האָט אַוועק געשוועבט
און איך בין אַריין אין קרייז פון פאַרלענד
א רגע בלויז האָב איך איינגעאָטעמט די שלווה
פון אייביק־שווייגנדיקן סוף.
און זיך אַראָפגעקייקלט אין תהומיקן שלאָף.

און ווען כ'בין צוריק אַרויס פונעם פאַרשווינד
האָב איך אין יענעם ערגעץ ווו איבערגעלאָזן
מיינע פאַרוואָלקנטע אילוזיעס, פאַרהוילענע געשיכטן
און פון יענער וועלט נישט געהאַט וואָס צו באַריכטן.

ווי אַ סוד – זיך אַרומגעבלאָנקעט פאַרטשאַדעט
אין ליידיקן קרייז פון אויפהערן
ווי אַ סוד – צוריקגעשווומען צום ברעג פון געווערן.

## געוויסן

שלעפנדיק די יאָרן מיט אַ שטריק
די בלעטער פון זכרון מישן זיך צוריק:

קלינגט אין מיר דער טעלעפאָן:
האָסט פֿאַרפֿעלט אַ חשבון,
עפּעס איז געבליבן לער.

אין אויסגעשעפּטן טאָגבוך
ציטערן פֿינטעלעך, נישט־דערזאָגטע רייד,
אפֿשר אַ בלאַט אַרויסגעריסן?
אין טעלעפֿאָן רעדט ס'אייגענע געוויסן.

## פֿאַרליבט אין זיך

דער דיכטער אין זילבערנעם שפּיגל־טייך
האָט דערקענט זיין באַצויבערטן "איך"
און געוואָרן פֿאַרליבט אין זיך.

אַנטלויפֿנדיק פֿון באַנאַלן רוטין
צעשפּילן זיך בגילופֿענע רייד
פֿון אַ סאַמעטן ווינטל באַגלייט.

פֿאַרן סאַמעטן ווינטל לידלט דער פּאָעט
און שענקט זיך אַליין אַ רויזן־בוקעט.

## קאָמישע פּינגווינען

לויט אַנאַטאָל פֿראַנס

איך געדענק די לאַנגע נאַכט פֿון דורשטיקע געטער:
געווען בין איך פֿון די שוואַכע, ווען דער גורל האָט מיך
פֿאַרוואַלגערט אויפֿן ווייסן אינדזל
פֿון די קאָמישע פּינגווינען,
אין געמאַרק פֿון יענע קרומפּיסיקע פֿייגל,
וואָס דער ווינט האָט פֿאַרטראָגן אין שנייאיקן זאַווײ,
בין איך געווען איינער פֿון זיי.

די שטאַרקע האָבן געשאָלטן און געשריגן,
די שוואַכע האָבן געשקלאַפּט און געשוויגן,
די הינט האָבן אויף אונדז געבילט און די וועכטער
האָבן געפּרעסן און געלאַכט; שמאַלץ איז גערונען
אין געזעמל פֿון די שטאַרקע פּינגווינען.
פֿאַרהונגערטע האָבן שקלאַפֿן געשלעפּט קלעצער אין שניי,
און איך בין געווען איינער פֿון זיי.
איך געדענק די לאַנגע נאַכט פֿון דורשטיקע געטער;
און אַז די וועלט וועט אַראָפּ פֿון זינען,
וועלן מיר צוריק ווערן קאָמישע פּינגווינען.

יצחק קאַהאַן / מעלבורן

# דער אומשטערבלעכער שלום־עליכם

## (צו זיין 135־טן געבוירן־יאָר)

די קראַפט וואָס אין יידישן וואָרט פאַרזיגלט,
דער חן, וואָס אין יידישן פערז, פאַרריגלט,
די טרער, וואָס אין יידישן שמייכל זיך שפּיגלט,
באַקומסטו אַרויס מיטן שם וואָס באַפליגלט.
(אליער שטיינבאַרג)

ביים שרייבן די שורות, האָב איך וויזיאָנירט, ווען שלום־עליכם וואָלט דורך אַ נס געקענט אַרויסקומען און זען, לייענען, הערן, ווי ס'איז וועלט־באַרימט זיין נאָמען, וואָלט ער זיך דערמאָנט אין זיינע אייגענע ווערטער, געשריבן אין אַ בריוו צו זיך אַליין (אָנשטאָט אַ פאָרוואָרט אין זיין טביה־בוך): "פאַרוואָס קומט מיר אַזאַ שטריימל, אַז אַ וועלט מיט מענטשן זאָלן פּלוצעם געוואָר ווערן, אַז אויף יענער זייט בויבעריק, נישט ווייט פון אַנאַטעווקע, געפינט זיך אַ ייד, וואָס הייסט טביה דער מילכיקער? נאָר מסתמא ווייסט איר דאָך וואָס איר טוט"...

דאָס זענען געווען נביאישע ווערטער וועגן אַ "שטריימל" וואָס די וועלט וועט אים אָנטאָן פאַר זיינע גרויסע שאַפונגען, וואָס פאַרשאַפן אַזוי פיל פרייד און האַרציק געלעכטער פאַר יונג און אַלט, אויף אַלע קאָנטינענטן.

די ברייטע וועלט האָט אים אָנטדעקט דורך די איבערזעצונגען אין איבער 40 לשונות. אַ חוץ די אייראָפּעישע שפּראַכן, ווערן זיינע ווערק געלייענט אין יאַפּאַניש, כינעזיש, פּערסיש, אוזבעקיש, אַרמעניש, קירגיזיש, און אין נאָך־צענדליקער אַנדערע לשונות און דיאַלעקטן אין אַלע עקן וועלט.

קומט אַ פראַגע אויפן רעיון: מיט וואָס דערקלערט זיך דער גרויסער אינטערעס צו ש"ע ביכער?

דער ענטפער איז אַ פּשוטער. זיין יידיש־שטייגערישע וועלט אַנטפּלעקט מיט זיך דאָס טיף־מענטשלעכע ביי אַלע ראַסן, פעלקער און שבטים, זיין אויסנאַמלעכער הומאָר, וואָס שפּרודלט אַרויס אַזוי אַנטפּלעקעריש פאַר די אומות עולם אין די אַלע איבערזעצונגען פאַרמאָגט נאָך אַלץ אין זיך דעם כישוף פון אונדזער גאָט־געבענטשטן קינסטלער, וועלכער קען די פרייד און דעם טרויער צוזאַמען באַהעפטן פאַר גרויס און קליין, אָן אונטערשייד פון פאַרבן, ראַסן און פעלקער.

זיינע דערציילונגען, זיינע כאַראַקטערן און טיפן זענען געוואָרן פאַרהיימישט, פאַראייגנט אין פאַרשידענע לענדער. אַ מאָטל פּייסי דעם חזנס האָט אויפגערודערט אַ וועלט נישט נאָר אין כתרילעווקע, נייערט אויך אין טאָקיאָ און ווו נישט?

איך ווייס ניט, ווי אַזוי, למשל, אַ כינעזיש יינגל צי אַן אוזבעקישער, וועט קענען אויפנעמען ש"ע שאַרפע קללות און גלייכווערטלעך, וואָס דער יתום האָט געהערט אין שטוב טאָג טעגלעך פון זיין בייזער שטיפמאַמען און ער האָט זיי אין שריפט געסדרט לויטן יידישן אַלף־בית. אַדרבא, הערט דאָס מענה־לשון פון אַ בייזער יידענע צו איר שטיף־זון "...זויערע קיסליצע, זאַיקע, זויפער, זיצפלייש, פאַסקודניאַק, פאַרטאַטש,

פּאַרך, פּוסטעפּאַסניק, פּופּיק, פּיפּערנאָטער, פּייפער, פּעמפּיק, פליאַסקעדריגע, פּאַציאַרע, עטעליילע, פלאָקנשיסער", דאָס אַלץ נאָר פון אַ פּאָר אותיות וואָס דער חברהמאַן האָט עס סאָרטירט אין די 22 אותיות פון אונדזער אַלף־בית. אַ גאַנצן ווערטערבוך האָט ער געמאַכט פון דעם, וואָס איז אַרויסגעפלויגן פון דער שטיפמאַמעס מויל און געפּאַנגען געוואָרן דורך איר תכשיט.

און ש"ע דערציילט אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בוך "פון יאַריד", אַז בעת "יענע" (די שטיפמאַמע) האָט זיך אַזש פאַרקייכט אין לאַכן פון דעם "ווערק" פון דעם "ממזר", האָט ער שוין דאַן פאַרזוכט דעם טעם, דערשפּירט דעם ערשטן דערפאָלג פון זיין מייסטערווערקל, און דעם כוח פון הומאָר, וואָס האָט אַפילו דער בייזער שטיפמאַמע אַרויסגעריסן, אויף אַ ווייל, פון איר פאַרביטערט האַרץ און געמאַכט איר היסטעריש לאַכן.

דאָס איז שוין אין זיינע ייִנגלשע יאָרן געווען דער ערשטער שריט צו זיין הומאָריסטישער שאַפונגס־ליניע.

אין זעלבן בוך דערציילט ער פון אַ צווייטן עפּיזאָד, וואָס האָט אויך געמאַכט אויף אים אַ גאָר גרויסן רושם: ער האָט געזען יידן, גרויסע יידן מיט בערד, זענען געזעסן ביי זיי אין שטוב, און זיך געקאַטשעט פון געלעכטער, ווען זיין טאַטע האָט פאַרגעלייענט עפּעס אַ פריילעכע מעשה. דער קליינע שלומקע האָט געזען, ווי אַזוי שווער־פאַרהאָרעוועטע יידן, זיידעס, און טאַטעס, ווערן אַזוי פריילעך אויפגעלעבט פון דער קאָמישער מעשה, וואָס מאַכט פאַרגעסן אין אַלע זייערע צרות, ווי זיי וואָלטן געוווּנען דאָס גרויסע געווינס. זיי האָבן גלייך באַצאָלט "מזומן" דעם מחבר פון דער מעשה מיט אַריינשיסן אין אים איין קללה נאָך דער אַנדערער, אָבער אין גוטן מוט, גלאַט אַזוי, האָט מען דעם "ממזר" געשאָלטן אין טאַטנס טאַטן אַריין, באַצאָלט דעם "האָנאָראַר" אין קללות, פאַר דער פאַרוויילונג, וואָס איז דאָך פאַר זיי געווען טעאַטער.

אָט דער עולם, וואָס האָט באַצאָלט מיט די שענסטע פּערל, וואָס ער האָט פאַרמאָגט, האָט באַווירקט דאָס קליין ייִנגעלע, וואָס האָט צו גוט געקענט זיין טאַטנס מיחושן, און אויך פון די אַנדערע פאַרהאָרעוועטע יידישע טאַטעס. ער האָט גלייך אויפן אָרט מקנא געווען יענעם אַנאָנימען בחור, וואָס האָט מיט זיין "ווערק" געקענט באַווייזן, וואָס ער האָט אָקאָרשט געזען ביי די עלטערע פאַרחושכטע יידן.

אָט די עפּיזאָדן האָבן דאָך אַ טיפערע שייכות צו ש"ע עפּיטאַף אויף זיין מצבה וואָס זאָגט עדות וועגן זיין אייגענעם מצב־הרוח, בעת עס האָט אין אים אינעווייניק געבורטשעט: "...און דווקא דעמאָלט, ווען דער עולם האָט געלאַכט, געקלאַטשט און פלעגט זיך פרייען", און ער אַליין איז געווען אויף געהאַקטע צרות (דאָס זענען שוין מיינע ווערטער), האָט ער דאָך געקענט אַרויסבאַקומען פון זיך זיין גאָט־געבענטשטן הומאָר צו קענען פריילעך מאַכן אַ שווער געפּרוווט פאָלק, מיט דער גוטסקייט פון יידיש לשון, אַפילו מיט קללות פון גוטן מוט.

עס האָבן ניט געפעלט קיין גרויסע הומאָריסטן אויך ביי אַנדערע פעלקער, אָבער אונדזער ש"ע איז פאַרבליבן דער איין־און־איינציקער אין דער וועלט־ליטעראַטור, וואָס האָט ניט קיין גלייכן צו זיך! זיין שאַפן פאַרמאָגט אַ דימענסיע פון דער גאָרער יידישער געשיכטע: זיין הומאָר איז אַ געשיכטלעכער הומאָר, אַזאַ־גאָר־נאָענטער־מחותן מיטן טיפן טרויער פון פאָלק, מיט אַלע זיינע צרות, רחקות, דאגות, אַרום אונדזער פינצטערער מערכה אין דער וועלט. עס איז הומאָר מיט אַן אוניווערסאַלער

פאַרשטענדיקייט, איינגעטונקטן אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן פון אַ גרויס פאָלק, וואָס איז פאַרהאַוועט, פאַרשמייעט אין בויען אַ וואָכעדיקע קדושה אַרום זיין לעבן און שאַפן. געדענקט איז יעקב גלאַטשטיין: ״דאָס יידישע פאָלק האָט קיין מאָל ניט אויפגעהערט צו בויען, פון זיין גלות־לעבן, פון על נהרות־בבל־אָן, האָבן יידן אומעטום, ווי מוראַשקעס, געבויט דעם גלות. געבויט אַ גרויסע יידיש וועלט, אין אַ פינצטערניש פון גרויליקע באַדינגונגען אין זיין אַרום. און אין אָט דער גלות־וועלט, איז אויפגעגאַנגען אַ גרויס ליכט פון גייסטיקער באַשיצטקייט. דאָס איז געווען אַ מאָראַלישע באַלויכטענע סטראַטעגיע, וואָס האָט געלייטערט אַ פאַרטריבן פאָלק, וועלכער האָט גייסטיק און עטיש זיך דערהויבן איבער אַלע זיינע שונאים״.

אין פאַרטריבנקייט, הילפלאָזיקייט, באַזיגטקייט, האָט דאָס יידישע פאָלק מיט אַ טויזנט יאָר צוריק באַוויזן וואָס קיין שום אַנדער פאָלק נישט, צו באַשאַפן, צו בויען אַזאַ וווּנדערלעך יידיש לשון, אַזאַ טיפע מאָראַל מיט מעשים טובים. טאַקע אָט דאָס יידיש לשון וועגן וועלכן דער פאָעט, מאיר שטיקער, האָט געזאָגט - האָט געליכטיקט, געדיכטיקט, פאַרתחינהט, פאַרתפילהט, פאַרשכינהט מיט דעם טיפן יידישן צאַפּל, וואָס איז געוואָרן דער עמוד־אש אינעם גלות־לעבן, אַ מין גלות־באַרג־סיני.

ש״ע האָט קינסטלעריש געטאָן דאָס זעלבע, ווי דאָס יידישע פאָלק. אויף דעם גאַנצן יאַריד זיינעם פון לעבן און שאַפן, האָט ער מעטאָדיש, סיסטעמאַטיש געבויט, דורך זיינע ווערק, די קינסטלערישע געשיכטע פונעם פאָלק, די גרויסע, רייכע קאָלעקטיווע גאַלעריע פונעם יידישן לעבן, דאָס פולע געזאַנג פון יידישן פאָלק - אַלץ אין דער מוזיק פון יידיש־לשון, וואָס זיין טיף־מוזיקאַלישער אויער האָט אויפגעכאַפּט, מיט די חנוודיקע אַקצענטן, איבערחזרונגען, מיט וועלכע ער האָט, לויט יעקב גלאַטשיין, מעביר־סדרה געווען די סדרה פונעם טאָג־טעגלעכן יידישן גלות־לעבן.

עס איז ווייניק באַקאַנט, ווי אַזוי ש״ע האָט ליב געהאַט מוזיק, יונגערהייט אַפילו נאָך געגרעמפּלט אויפן פידעלע, צו וועלכן ער פלעגט זיך נאָך צוכאַפּן אויך אין שפּעטעדיקע יאָרן. ער איז קיין פידלער נישט געוואָרן, אָבער זיין ליבשאַפט צו מוזיק איז אַריין אין זיין יידיש־לשון; צוזאַמען מיט די טיפע געפילן פונעם לשון, און וועלכן ער האָט אַריינגעגעבן דאָס גרויסע האַרץ פון יידישן פאָלק.

וועט דאָ זיין אויפן אָרט צו דערמאָנען, וואָס געטע האָט געזאָגט וועגן דעם גרויסן שעקספּיר, אַז זיין כוח איז געלעגן ניט אַזוי אין דעם דראַמאַטיזם פון זיינע כאַראַקטערן, נייערט אין זייער לשון. טאַקע אָט דאָס, וואָס שעקספּיר האָט דורך שפּראַך באַוויזן דערגרייכן אין זיינע דראַמעס, האָט ש״ע דערגרייכט אין זיינע מאָנאָלאָגן, דערציילונגען, שמועסן, וואָס שפּרודלען מיט אַזאַ טיפער לעבנס־חכמה, אין יעדער געגעבענער סיטואַציע און האַנדלונג.

זייענדיק אַליין אַ געבוירענער שפּראַך־ווירטואָז, האָט ער גאָר גוט פאַרשטאַנען, אַז פאַר זיינע טיפן איז יידיש לשון דער וויכטיקסטער אינטרומענט אויסצושפּילן זייער געמיט און נשמה. זעען מיר טאַקע ווי דורך דעם מוזיקאַלישן שפּראַכריטעם פון זיינע פערסאָנאַזשן ציט זיך די דינאַמישע ליניע פון געשיכטלעכער אַקומולירטער דערפאַרונג, אָט די אָנגעזאַמלטע לעבנס־חכמה פון לאַנגע יידישע דורות.

ווי שוין דערמאָנט, האָט ש״ע גלייך פון פאָלקסמויל אַראָפּגעכאַפּט אַלע יידישע רייד און זיי קינסטלעריש אָרגאַניזירט, אויפצובויען אַ גאַנצע יידישע וועלט און זי באַהויכן

מיט זיין קינסטלערישן אָטעם. פון "דער נשמה אויף דער צונג" - געפּורעמט די איינגנאַרטיקע יידישע ציוויליזאַציע, איר פרייד און טרויער, מאָראַל און שיינקייט, באַגלייט מיט אַ קוועקזילבערשן קינדישן געלעכטער.

כאַפּט נאָר אַ בליק אויף די סאָציאַלע שיכטן אין זיינע ווערק, זייער פאַרשיידנאַרטיקייט, באַלעבט אויף זיינע בלעטער און ביכער. מיר טרעפן זיך מיט: קרעמערס, בעלי־מלאכות, נגידים, אָרעמעלייט, מעקלערס, מלמדים, וואָיאַזשאָרן, שרכנים, ווייבער, קינדערלעך, מאַרק־יידענעס, דינסטן, בעלי־הביתלעך, פורים־שפילערס - און ווער אַלץ נישט?

אַוודאי האָט ער אין מאָלן באַנוצט אַ ביסל שאַרזש, גוזמאות פון קאָמישע שטריכן, עפעקטן - אָבער קיין קאַריקאַטורן האָט ער דאָך נישט געצייכנט, דאָס, וואָס עס טוען יאָ היינט, אייניקע יידן־שרייבערס אין אַמעריקע און מחוץ איר, וואָס לאַכן אָפּ פון יידישע טיפן!

ש"ע האָט עס ניט נאָר נישט דערלאָזט אין זיין שאַפן, ער האָט נאָך, פאַרקערט, פון דעם זיידנס (מענדעלעס) האַרבע רייד קעגן יידן־פּירונגען פון זיין צייט - געזוכט פאַרענטפערונגען, "איבערשרייבנדיק אַלע זיינע בייזקייטן אויף גוטסקייטן" (גלאַטשטיין). דערמאָנט זיך זיינע דערציילונגען אין די בענדער "אייזנבאַן געשיכטעס" אָדער "אָרעמע און פריילעכע" צי גאָר די "מאָנאָלאָגן" און די פיל אַנדערע מיט זייער טיפּאָלאָגיע, סביבות, כאַראַקטעריזאַציעס. זיי זענען ניט קיין אָפּשפּיגלונג פון לעבן, נייערט דער אָטעם פון צאַפּלדיקן לעבן גופא!

נעמט למשל, "דאָס טעפּל" מיט די אָנגעפּלייצטע אַסאָציאַציעס, דיגרעסיעס, וואָס קייטלען זיך אַריין איינער אין אַנדערן, אינעם פאָלקס־נוסח פון אַ ווייבערשן דורכרעדן זיך... דאָס דערשלאָגענע געמיט פון דער יידענע ווערט געלייטערט דורך איר ווייבערש מענה־לשון, וואָס ברענגט אַרויס אַלע שטריכן, ציטערדיקע צאַפּלענישן פון אַ טיף יידיש פאַרוויייטיקט האַרץ פונעם שווערן אָרעמען לעבן... זי איז נאָרמאַל! אומנאָרמאַל זענען נאָר די טרויעריקע באַדינגונגען.

ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז ש"ע הומאָר איז איינציקאַרטיק אין דער וועלט־ליטעראַטור, מחמת ער פאַרמאָגט די ספּעציפישע פאַרב־דימענסיע פונעם יידישן געשיכטלעכן לעבן, און פון יידיש לשון. גלאַטשטיין האַלט, אַז ש"ע "געטלעכע קאָמעדיע", מיינט נישט גאָטס אויסלאַך איבער זיינע קליינע מענטשלעכע ברואים, נייערט אַ יידיש "דיווינאַ קאָמעדיאַ" אינעם זינען פון גאָטס ווינען מיט יידן, ווי אַ טאָג־טעגלעכער מיטבאַטייליקטער אין זייער טראַגי־קאָמעדיע פון לעבן. אויך זאָגט גלאַטשטיין אַז ש"עס ווערק געהערן אין תוך צו אונדזער חורבן־ליטעראַטור, הגם זיי זענען אויס צו זיין צו פריילעך פאַר חורבן־ביכער, אָבער דאָס גרעסטע חורבן־געזאַנג איז דאָך קודם כל דאָס געזאַנג, ווו די שיינקייט זאָל באַקרעפטיקן, גובר זיין דעם טרויער מ'זאָל אים קענען אויסהאַלטן. שלום־עליכמס ווערק דערמאָנען די אַמאָליקע פרייד, ווי די יידן האָבן אַ מאָל געלעבט אין קאָמפּאַקטע מאַסן אין מדינות אַשכנז, די אַקטיווע פרייד פון אַ גאַנצער גרויסער יידישער וועלט מיט לעבעדיקע יידן, מיט אַ לשון, וואָס לאַכט מיט גוטסקייט, דורך אַלע געשיכטלעכע דאגות.

פון יענער צייט שיינט דאָך אַרויס טביהס וואָרעמע פרייד, וואָס פאַרגיטיקט ביים אויפנעמען די ערשטע ווידערשפּעניקע טריט פונעם יונגן דור. די זעלטענע פאַרשטענדיקייט, וואָס ער ווייזט אַרויס פאַר די טעכטער, וואָס גייען אין נייע דרכים. און אַוודאי איז ש"ע הומאָר אַ גאָר נאָענטער מחותן מיטן טיפן טרויער, מיט די דאגות

פון זיין צייט, און פינצטערע מערכה אין דער וועלט... אָבער ווען דער גרויסער ש״ע שרייבט די צוואה פאַר זיינע קינדער, איז ער אַ ייד צווישן יידן, וואָס זאָגט אָן זיינע קינדער ניט אָפּוואַרפן זייער שטאַם, ניט אַריבערגיין צו אַן אַנדער אמונה; און די וואָס וועלן עס טאָן, זאָלן זיי ווערן אָפּגעוואָרפן פון זייער פאָלק, אויסגעמעקט ווערן פון זיין צוואה. און ווי אַ גאָר־האַרציקער טאַטע - זאָגט ער צו זיינע קינדער - טראָגט מיט ערע, מיט כבוד, מיין פאַרהאָרעוועטן יידישן נאָמען.

פון אַלץ וואָס ער האָט דערגרייכט אין לעבן איז נאָר פאַר אים געבליבן אַ פאַרהאָרעוועטער יידישער נאָמען לדור דורות. און זעט, וואָס אַ פאַרהאָרעוועטער יידישער נאָמען האָט אַלץ געשאַפן: אַ חוץ זיינע מאָנומענטאַלע גרויסע ווערק: טביה, מנחם־מנדל און ״מאָטל פייס דעם חזנס״ האָבן מיר זיינע ראָמאַנען: בלאָנדזשענדיקע שטערן, סטעמפּעניו, סענדער בלאַנק; די דראַמעס, קאָמעדיעס, מאָנאָלאָגן, מעשיות פאַר קינדער, און נאָך אַנדערע זאַכן, וואָס גייען אַריין אין זיין פילפאַרביקער קאָלעקטיווער באַשרייבונג פון אַן אימפּולסיוו יידיש לעבן, אַן אויסגעזונגענעם מיט דער מוזיק פון זיין יידיש־לשון.

ביי זיין גאַנצער מאָנומענטאַלקייט האָט די יידישע ליטעראַטור נאָך אַלץ ניט קיין פולע ביאָגראַפיע פון ש״ע לעבן און שאַפן, וואָס זאָל ביאָגראַפיש אויך אויפקלערן דעם פענאָמען און גרויסן וווּנדער, וואָס איז אונדז באַשערט געוואָרן צו האָבן. זיכער האָבן מיר ביכער וועגן אים, אָבער זיי זענען נאָר ליטעראַרישע שאַצונגען און קריטישע אַנאַליזן. מיר זענען נאָר צו ביסלעך באַקאַנט מיט זיין לעבן, וואָס ער אַליין האָט באַשריבן אין זיין בוך ״פונעם יאַריד״, אָבער נאָר פון די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון זיין לעבן. מער האָט ער ניט באַוויזן אָנצושרייבן אין זיינע ערשטע קאַפּיטלעך. אָבער וואָס איז געשען בעת ער איז געווען דער הויז־לערער, דער בירזשע־מעקלער (ווו ער האָט פאַרלוירן זיין גרויסן נדן פון רייכן שווער) און שפּעטער, דער פאַרזאָרגנדיקער טאַטע פון אַ גרויסער משפחה; דער קראַנקער ייד (נישט נאָר אין איין זין פון דעם וואָרט), צי בעת אַזאַ אָדער אַנדער עטאַפּ פון זיין לעבן, אויף וויפל ער איז פאַרבונדן מיט זיין גייסטיקער וועלט - דאָס האָט נאָך קיינער ניט גענומען אויף זיך אויסצופאָרשן.

אַברהם ליס, פאַרוואַלטער פון בית שלום־עליכם אין תל־אביב, וואָס האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן אַ פּראַכטפולן עסטעטיש־שיינעם שלום־עליכם בוך וועגן זיין לעבן אין בילד, האָט יאָ געפּרוווט געבן אַן ענטפער אויף דער שאלה, אַז די עיקר־סיבה איז עד היום די ״נאַטירלעכע העמונג פון אַ סאָלידן פאָרשער־שרייבער זיך צו פאַרמעסטן אַרויסצובערענגען״ אין דער פולער מאָס די גרויסע געשטאַלט, נאָך דעם, ווי ש״ע אַליין האָט אין זיין מייסטערישן הומאָר־נוסח, באַגלייט מיט אַזאַ רירנדיק מענטשלעך אינערלעכער עצבות, געשריבן אין זיינע פאַרעפנטלעכטע קאַפּיטלעך.

ווי עס דערציילט זיין יינגסטע טאָכטער אין איר בוך (״מיין פאָטער שלום־עליכם״), האָט דווקא ער גופא געוואָלט אָנשרייבן זיין ביאָגראַפיע, ווי אַ גרויס־פאַרמאָסטן ווערק אין אַ צאָל בענדער פון זיין לעבנס־געשיכטע. אָבער די צייט, און דער דרוק פון אַנדערע פאַרפליכטונגען, משמעות אויך, דער קנאַפּער אינטערעס אין יענער צייט מצד די אַרויסגעבערס פון זיין פּראָיעקטירטן ווערק, האָבן ווייזט אויס אים אָפּגעהאַלטן צו רעאַליזירן זיין געטרוימטן פּלאַן.

כאַראַקטעריסטיש איז, וואָס ש"ע שרייבט פאַר וואָס ער וויל זיך ניט פאַרלאָזן אויף אַנדערע: "קיינער ווייסט ניט - שרייבט ער - ווערמענס מאָרגן עס איז. דו ווערסט מאַכן אַ שטאַרב, וועלן קומען אַנדערע מענטשן, וואָס מיינען, אַז זיי קענען דיך, און ווייסן דיך, און וועלן אויסטראַכן זאַכן, וואָס נישט געשטויגן און נישט געפלויגן. צו וואָס טויג עס דיר? נעם שוין בעסער אַליין, דו קענסט זיך בעסער פון אַלעמען און דערצייל ווער דו ביסט".

שרייבט טאָקע זיין יינגסטע טאָכטער (מאַרי גאָלדבערג) אין איר בוך, אַז זיינע פאַרדאַכטן האָבן זיך באַשטעטיקט: "מען דערציילט, מע שרייבט כל-מיני ניט-געשטויגענע מעשיות, וואָס זענען אַפילו ניט קרוב צום אמת. זיי ברענגען ניט אַרויס דאָס געשטאַלט פון מיין פאָטער, ניט זיין כאַראַקטער, ניט זיין וועלט-באַנעם און ניט זיין באַציונג צו מענטשן".

וויל איך באַמערקן דאָ, אַז דורך די יאָרן זענען יאָ דערשינען גאַנץ וויכטיקע, תוכיקע אַרבעטן וועגן זיין לעבן און שאַפן, דורך מענטשן נאָענט צו אים, ווי זיין ברודער, וואָלף ראַבינאָוויטש, און זיין איידעם י.ד. בערקאָוויטש, אַליין אַ גאַר טאַלאַנטירטער העברעישער שרייבער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן פינף בענדער זכרונות, דערציילונגען, אונטערן טיטול "אונדזערע ראשונים" (וועגן ש"ע און זיין דור). עס איז אויך דערשינען דאָס מאָנומענטאַלע "שלום-עליכם-בוך", און ס'איז אויך ניט אַוועקצומאַכן אשר ביילינס בוך וועגן ש"ע. אגב איז דאָך אויך דער קינסטלערישער אַלבום פון בית ש"ע אַ גאַר עסטעטישער מאָנומענט, אין וואָרט און בילד, מיט אַן אויפשריפט: אַ מאָנומענט פון וועלכן עס אָטעמט און עס גייט אויף פון זיינע בלעטער דער וויטאַלער גייסט פון שלום עליכם, פון זיין לעבן און שאַפן.

זיינע, ש"ע ווערטער זענען דאָך פאַרבונדן מיט בילדער, און בילדער זענען פאַרבונדן מיט באַגריפן, מיט געקייטלטע, המשכדיקע באַשרייבונגען, וואָס מיר טראָגן אַלע אין די טיפענישן פון דער נשמה, און דאָס דריקט דאָך אויס יעדערער פון זיינע געשטאַלטן; בפרט זיינע צענטראַלע הויפּט-העלדן, וואָס פאַרקערפּערן געשיכטלעכע שטריכן פון אונדזער פאָלק, פונעם ייד של מעלה, פאַרשפּיגלט און איינגעבאַקן טיף אין דער נשמה פונעם ייד של מטה, ווי ס'איז טביה דער מילכיקער.

ער טביה, רעפּרעזענטירט נשמהדיק דאָס טיפע האַרץ פונעם יידישן מענטש, מיט אַלע זיינע מעלות פון מענטשלעכקייט, אויסדויער, איינגעוואָרצלטקייט און טיפן בטחון. מיר זעען אים, ווען ער לעבט שווער דורך אַלע זיינע טראַגעדיעס פונעם לעבן: אַ טאָכטער שמדט זיך, אַ טאָכטער דערטרינקט זיך, און דער טאַטע באַהאַלט זיינע טרערן... קלעפּ פאַלן אויף אים פון אַלע זייטן, אָבער ער ברעכט זיך ניט איין. ער איז אַ ייד מיט שטאָלץ און ווירדע, ווען דער גביר קומט אים אונטערקויפן ער זאָל מאַכן אַ משא-ומתן מיטן גורל פון זיין טאָכטער (שפּרינצע).

זיין טאָג-טעגלעך לעבן רופט זיך דורך מיטן ביבלישן איוב, וואָס בלייבט שטיין פעסט אויף דער שוואַרצער ערד פון לעבן ביי די אַלע שווערע קלעפּ וואָס זיין גורל - יידישער גורל - האָט אים צוגעשטעלט. טביהס יידיש-פילאָזאָפישער און מאָראַליש-עטישער לעבנס-באַנעם ציט די יניקה פון אַ פאָלק מיט אַ לאַנגן זכרון וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו מאָנען אַ חשבון הנפש ביי די אַלע מעכטיקע פון דער וועלט. די טראַגיק פון די אַלע שווערע דורכלעבונגען מאַכט נאָך בולטער דאָס ייִדיש-אַלמענטשלעכע, וואָס טוט גאָר-טיף וואָרצלען אין אונדזער אַלעמענס

פאָלקס־נשמה.

די צווייטע צענטראַלע פיגור אין ש"ע ווערק איז מנחם מענדל, וואָס געהערט, מיט זיין וויזיאָנעלן טשאַפּלין־שטעקעלע, צו די הויפּט־פיגורן פון אַ סימבאָלישער הייך של מעלה. די וואָס האָבן אין אים נאָר געזען דאָס אויסערלעכע פּאָרן אויג, דעם יידישן לופטמענטש, דעם פאַרשמייעטן מעקלער, לייגן אים אַריין אין אַ סדום־בעטל, וואָס קורטשעט אים, פאַרשטייפט זיינע גלידער. ש"ע מנחם מענדל גייט ניט אויף דער ערד נאָר שוועבט איבער איר אַ פּאָר פוס העכער, און ווען ער פאַלט שוין אַראָפּ, הייבט ער זיך אויף אַן אומגעבראָכענער און שפּאַנט אַוועק ווייטער, ווי אין לייוויקס ליד. וויפל מאָל ער האָט זיך ניט אָפּגעבריט די פינגער מיט זיין ענטוזיאַזם און ברען, שטעקט ער זיי ווייטער אין פייער אַריין... דאָס פאַרקערפּערט דאָך די פּערמענטירונג, דעם טיף גייסטיקן אומרו פון דער יידישער און אַלמענטשלעכער געשיכטע דורך טויזנטער יאָרן.

אינעם מנחם־מענדל־טיפּ האָט ש"ע פאַרשפּיגלט די אַלמענטשלעכע טראַגיק צווישן דעם מענטשלעכן פוס, מיט זיין באַגרענעצטן טראָט און דעם אויג, וואָס זעט פאַר זיך ברייטע, ווייטע האָריזאָנטן און טיפע בלויע הימלען צו וועלכע ער זוכט גראַוויטירן, וויזיאָנירן. ער פאַרקערפּערט די אומפּראַקטישקייט פון אַלע מנחם מענדלס – זייער צאָל – אַ לעגיאָן – אויסגעלאַכטע דורך די "קלוגיטשקע", און קורצזיכטיק פּראַקטישע, הלמאַי די שלימזלס טראָגן זיך אַרום מיט אַזעלכע נאַרישע חלומות, אָנשטאָט זיך פאַרנעמען מיט פּראַקטישע זאַכן...

ווער זענען דען געווען די אַלע משיחים־זוכערס, די גרינדער, פּירערס פון אַלע גרויסע רעליגיעס, און פון די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען אין דער מענטשלעכער געשיכטע? און ווער זענען די גרויסע וויסנשאַפטלערס און פאָרשערס, די אומדערמידלעכע מיקראָבן־יעגערס, אויב נישט מנחם־מענדלשע בטלנים, ס'רוב דורכגעפאַלענע אין טעגלעכן לעבן?

לאָמיר איצט געבן אַ האַרציקן שלום עליכם דעם דריטן הויפּט־העלד, מאָטל פּייסי דעם חזנס. דאָס יידישע יתום־ייִנגל, וואָס איז באַגאָסן געוואָרן מיט אַזוי פיל יידישע טרערן ביי דינעזאָן און אַנדערע יידישע שרייבערס, איז דורך ש"ע ליכטיקער פּעדער פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ זוניק־צעשטראַלט קינד, מיט אַ צעשמייכלטן הימל איבערן קאָפּ. עס שטראַלט פון אים אַרויס אַזאַ שפע קוועקזילבערישע לעבנס־פרייד, וואָס זינגט אַרויס פון אַלע זיינע אברים און באַוועגונגען. סיי מאָטל און סיי טאָפּעלע טוטוריטו זענען דאָך ניט נאָר אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אין דער אַלוועלטלעכער, אוניקאַל!

ש"ע האָט געקאָנט אינעם יידישן קינד אַריינגעבן אַזאַ זינגעוודיקע קינדהייט, ווייל פון אים גופא איז דאָס קינד, דאָס עכטקונדסשע, קיין מאָל ניט אָפּגעטראָטן. בכלל האָט ער דאָך צום יידישן קינד און צו דעם דערוואַקסענעם געבראַכט זשמעניעס פרייד פון עכטן, לויטערן הומאָר, און געלעכטער פון טיפן האַרצן, ער האָט פאַרזיסט און פאַרווייכט דעם בירנעם מזל און דעם ביטערן דלות מיטן יידישן אוי־קרעכץ און אים גאָר פאַרוואַנדלט אין אַ פאַנטאַסטישן קאָמיזם און גראָטעסק־שפּיל. דער כתריליק האָט געהאַט אַזוי ווינציק באָדן אונטער די פיס, דערפאַר אָבער, אַזוי פיל בלויען הימל איבערן קאָפּ... ווי האָט, ר' מענדעלע קאָצקער פאַרטייטשט: ער לב השמים, ביז דאָס האַרץ איז געוואָרן הימלדיק...

ש"ע האָט אונדז אָנגענומען ביי דער האַנט און געוויזן: זעט וויפל הימל עס געפינט

לילי בערגער / פּאַריז

# דער שידוך
## (דערציילונג)

די מומע בערט האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דער מעלדונג, ווי אין אַ ווילדער מציאה. זי האָט איינגעלייגט די צייטונג אַזוי, אַז דאָס שידוכים־ווינקל זאָל אויסקומען אויבנאָן און עטלעכע מאָל זיך איינגעגעסן אין דעם מיט די אויגן. אַ מזלדיקע צייטונג דאָס מאָל, אַזש פיר שידוכים־אָנבאָטן. דער ערשטער אָנבאָט איז דער בעסטער. זי האָט זיך נישט געקאָנט שענקען וואָס זי האָט באַלד נעכטן נישט גענומען זיך איבערצוקוקן די צייטונג. פאַרלוירן אַ טאָג. זי האָט געלייענט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל און יעדעס מאָל האָט איר די זאַך אויסגעזען מער פּאַסיק, ווי אָפּגעמאָסטן פאַר ראָזעטן.

די אַלטע בערט האָט עטלעכע מאָל אָנגעקלונגען צו דער שוועסטערן־טאָכטער. ווי אויף צו להכעיס האָט מען זיך פון דער צווייטער זייט טעלעפאָן נישט אָפּגערופן. פונקט היינט איז ראָזעט אַוועק פון שטוב. ווו איז זי אַהינגעקומען אין אַזאַ רעגנדיקן טאָג? עמעצן אירס גלייכן מיט וועמען אַרויסצוגיין האָט זי נישט, איז עלנט ווי אַ שטיין. מיט וועמען קאָן זי דען מ׳שטיינס געזאָגט פאַרברענגען? די עטלעכע עלטערע שכנות זענען אַ קנאַפּע געזעלשאַפט פאַר איר. זיי קומען צו נוץ אין אַן עת צרה, אַז ס׳קומט אונטער אַ גריפּע אָדער אַן אַנדער חולאת. זי כאַפּט אַ מאָל מיט זיי אַ שמועס, כאַפּט זיך אַפילו אַריין צו זיי, ווען די אייַנזאַמקייט דערגייט איר צו פיל די יאָרן. אָבער זי זאָל מיט זיי ערגעץ אַרויסגיין, דאָס נישט. איז ווו איז זי פונקט היינט נעלם געוואָרן?

די מומע בערט האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ, געוואָלט דערגיין ווו ראָזעט איז היינט אַהינגעקומען. זי האָט געקלונגען צו איין שכנה, צו אַ צווייטער. דער טעלעפאָן האָט זיך אויך נישט אָפּגערופן. ניין, זי גלויבט נישט זי זאָל האָבן אַרויסגעגאַנגען מיט עמעצן פון זיי. האָט זי איר דען נישט געזאָגט, אַז זי האָט נישט אַפילו מיט וועמען צו גיין אין סינעמאַ? אָבער צו וואָס זאָל זי, בערט, וואַרטן ביז זי וועט איבעררעדן מיט ראָזעטן? פאַרוואָס זאָל זי אַליין גלייך נישט אָנהייבן עפּעס צו טאָן אַרום דער זאַך? צו וואָס

---

זיך אין כתרילעווקע! וויפל מענטשלעכקייט, גוטסקייט ביים יידישן מלמד! ער חלומט פון ראָטשילדס רייכקייט, ניט חלילה פאַר זיך, פאַר דער וועלט דאַרף ער עס, כדי איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָפּשטעלן מלחמות. צוליב וואָס זיך שלאָגן? - ער וועט געבן אַ מיליאַרד דעם רוס און אַ מיליאַרד דעם ענגלענדער און זיי וועלן זיך ניט דאַרפן שלאָגן מיטן טערק...

ער אַליין האָט ניט שבת צו מאַכן, אַ קבצן אין זיבן פּאָלעס, אָבער ניט וועגן זיך טראַכט ער נאָר וועגן דער וועלט. דעריבער וועט ער זיי אַלע דערוויל אויסבאָרגן. אַז זיי וועלן האָבן, וועלן זיי אים אָפּגעבן, דערוויל מאָנט ער דאָך ניט ביי זיי...

ביי אַלע גרויסע וועלט־מייסטער איז דער לץ־מיצל נאָר אַ מאַסקע פאַר דער טראַגיק. דער באַרימטער וואָלטער זאָגט אין זיינע אַפאָריזמען, אַז "דער הומאָריסט לאַכט ער זאָל זיך ניט דאַרפן אויפהענגען... און ש״ע האָט געלערנט: שמייכל איבער דיין אַגאָניע...

עטלעכע טעג נאָך ש״ע פּטירה האָט דער שפּעטערדיקער גרויסער יידישער

←

שרייבן אַ בריוו, אַז מ׳קאָן אפשר באַקומען דעם נומער פון טעלעפאָן? ראָזעטן וועט זי סייווי זען אין אָוונט. זי האָט זי ווי שטענדיק פאַרבעטן אויף אַ זונטיקדיקן אָוונטברויט.

האָט זי טאַקע ביזן אָוונט נישט געוואַרט. דעם גאַנצן טאָג איז די אַלטע בערט פאַרפאָרעט און פאַריאַכמעט געווען מיטן דערגיין צום תוך פון דער זאַך דורך אַ קירצערן וועג, כדי צוצואיילן דעם גאַנצן ענין. זי האָט זיך קוים דערוואַרט אויפֿן אָוונט. אָבער ווידער ווי אויף צו להכעיס האָט זיך ראָזעט דאָס מאָל פאַרשפעטיקט. די מומע בערט איז געזעסן ביים צוגעגרייטן טיש, ווי אויף שפילקעס. קוים זיך דערוואַרט אויף אַ קלונג אין טיר.

– ביזסט דאָ מיט מזל! וווּ ביזסטו פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ גאַנצן טאָג? איך זוך דיך איבער גאַץ פאַריז. קוק דיך אויס ווי מיט ליכט. פונקט ווען מ׳דאַרף דיך נויטיק, ביזסטו נישטאָ.

דאָס פאַרעלטערטע מיידל מיטן זויערן פנים האָט זיך, וואָס אַן אמת, געפילט אַ ביסל דערהויבן וואָס די מומע דאַרף זי געניייטיק און זוכט זי אַרום איבער פאַריז. פון דעסטוועגן האָט זי אַ פרעג געטאָן:

– צו וואָס דאָס אַרומזוכן מיך, אַז כ׳האָב סייווי איצט געדאַרפט קומען? צו וואָס דאַרף מיך די מומע אַזוי נויטיק?

בערט האָט אַרויסגעצויגן די צייטונג און, נישט לייענענדיק, אָנגעהויבן אַרויסלייגן די זאַך. אַ פאַרויטלטע, אַ ביסל אַ צעהיצטע, ווי אַ מענטש, וואָס האָט אָנגעטראָפן אויף אַ גוט געשעפט און באַצייטנס זיך גענומען צום עסק, האָט זי ראשית כל פאַרזיכערט דער שוועסטערן־טאָכטער, אַז אַזאַ מעלדונג האָט זי נאָך אין דער צייטונג נישט באַגעגנט, כאָטש זי קוקט דורך דאָס שידוכים־ווינקל זינט שיינע עטלעכע יאָר.

ראָזעט האָט געמאַכט אַ קרומע מינע און פלעגמאַטיש געצויגן די ווערטער:

– אַ נייע מעשה. די מומע האָט ווייניק אַזעלכע מעשיות געהאַט?

– אַזאַ נישט! דאָס מאָל איז עס צוגעשניטן אויף אַ זיווג. דער יונגערמאַן איז אַ יתום. אַזוי ווי דו. ער האָט אויך קיינעמען נישט, חוץ אַ מומע. ביידע זענט איר פון זעלבן שטאַנד. אַן עלנטער, ווי דו. נו, איז דאָס נישט אָפּגעמאָסטן פאַר אַ שידוך?

– די מומע זאָגט יעדעס מאָל, אַז ס׳איז אָפּגעמאָסטן און ס׳קומט פון דעם גאָרנישט

---

ראָמאַניסט, זלמן שניאור, אָנגעשריבן אַ פּאָעמע א.ג. "שלום־עליכם דענקמאָל", ווו ער זאָגט צום פאַרשטאָרבענעם:

"נאָר וויסן זאָלסטו זיין; דו, וועלכער ביסט אַוועק, / אַז פאַר דיין לעצטן שפּאַס פון שטאַרבן / וועלן דיר די אָפּגעלאַכטע מיט אומשטערבלעכקייט באַצאָלן, / און פאַר דיין טויט – פון טויט אַליין, נקמה נעמען. / אַז קומען וועט אַ טאָג – אַ שטאַרקער פאָלק פון יידן, אַ ניי לאַנד וועט אויפשטיין / אויף יידישע בולוואַרן / פון קראָמען־חורבות, פון וויסטע שטעט און שטעטלעך, / --- און אויפשטיין תחיה וועסטו דאַן מיט אונדז צוזאַמען / אין דער פאָרשטעלונג, און אין ליים פון גרויסע קינסטלערס! / אויף יידישע בולוואַרן".

פאַר אונדז איז ער שטענדיק לעבעדיק דער גרויסער קינסטלער־הומאָריסט וואָס האָט נישט זיינס גליכן, מחמת קיינער פון די וועלט־הומאָריסטן האָט נישט "אויפגעבויט און באַזונגען אַ גאַנץ פאָלק, מיט אַ גאַנצן גלות, מיט אַ גאַנץ לשון, ווי שלום עליכם". (יעקב גלאַטשטיין).

אַרויס. ס'וועט סיי ווי פון דעם זוכעניש אין שידוכים־ווינקל גאָרנישט אַרויסקומען.

– ס'וועט אַרויסקומען, ס'וועט אַרויסקומען. דו לאָזט באַלד אַראָפּ די הענט. איך נישט. אַז מ'געפינט נישט איין מאָל, אַ צווייט מאָל, זוכט מען ווייטער. מע זוכט אַזוי לאַנג ביז מע געפינט.

און די אַלטע בערט ווערט נישט מיד צו זוכן. ווער דען זאָל זוכן אַ שידוך פאַר דעם אומבאַהאָלפענעם, פאַרעלטערטן מיידל, אויב נישט זי? איז זי איר דען נישט קיין מאַמע?

ווען ראָזעטס עלטערן זענען דעפּאָרטירט געוואָרן, האָט בערט דער שוועסטערס 5־יאָריק קינד אָפּגעגעבן צו אַ "נוריס" אין אַ פאַרוואָרפן דאָרף. ווי דען אַנדערש האָט זי דעמאָלט געזאָלט ראַטעווען דאָס קינד? זי האָט אָבער שלעכט אַריינגעטראָפן. די נוריס איז געווען אַ פאַרביטערטע, אַלטע מויד, האָט צום קינד קיין שמייכל נישט געטאָן. דערצו האָט זי דעם גאַנצן טאָג אָדער געאַרבעט אין פעלד, אָדער געווען פאַרקאָפּעט איבערן קאָפּ אין דער דאָרפישער באַלעבאַטישקייט. די קליינע ראָזעט איז געוואַקסן ווי אַ ווילד חיהלע, זומער צווישן די הינער און קאַטשקעס אין הויף, ווינטער פאַרמאַכט אין דער טונקעלער כאַטע. וואָלט זי, בערט, כאָטש אָפּגענומען דאָס קינד באַלד נאָך דער מלחמה. האָט זי אָבער געדאַרפט צוריק אויפשטעלן דאָס קרעמל אין "קאָראַ די טאַמפּל". און אַז זי האָט שוין אויפגעשטעלט דאָס שטיקל פרנסה, איז זי אַריינגעטאָן געווען אין דעם מיט לייב און לעבן. ווען האָט זי צייט געהאַט זיך צו פאַרנעמען מיט אַ קינד? אַ נס וואָס זי האָט זיך דערוווסט וועגן די יתומים־הייזער פאַר קינדער פון דעפּאָרטירטע. ס'איז אָבער געווען פאַרשפּעטיקט. די קליינע ראָזעט איז געוואַקסן אַ פלעגמאַטישע, אַן אַפּאַטישע, דערצו געהאַט אַ "שווער קעפּל" צו לערנען. זי האָט קוים־קוים פאַרענדיקט צו 17 יאָר די שולע.

בערט האָט זיך אָפּגעגעסן די לעבער וואָס זי האָט דאָס מיידל געלאָזט אַזוי לאַנג ביי דער נוריס. וויל זי איצט פאַרגיטיקן, זאָרגט פאַר איר, ווי אַ געטרייע מאַמע. און ווער, אויב נישט אַ מאַמע, זאָרגט פאַר אַ מיידל אין די יאָרן זי זאָל חס וחלילה נישט צו פיל פאַרזיצן? ווי גיך זי האָט נאָך דעם מאַנס טויט איינגעפּאַקט דאָס קרעמל אין "קאָראַ די טאַמפּל" און איז "געגאַנגען אויף רעטרעט", האָט זי אָנגעהויבן איינלייגן וועלטן צו קריגן אַ שידוך פאַר דער שוועסטערן־טאָכטער. אַז מ'האָט געדאַרפט טאָן אַ שידוך מיט אַ קינד, איז מען אַ מאָל געגאַנגען צו אַ שדכן. איר מאַמע איז פאַר איר אויך אָנגעקומען צו אַ שדכן, כאָטש זי האָט מיט איר בערלען שטילערהייט "געפירט אַ ליבע". אַפילו אין אַזאַ פאַל איז אַ שדכן צו נוץ געקומען. מ'האָט אים געשיקט צו בערלס עלטערן. וויפל אַנדערע געבענטשטע זיווגים זענען צושטאַנד געקומען דורך שדכנים! היינט, כאָטש הימל עפן זיך! מ'דאַרף זיך אַליין געפינען אַ זיווג. און אַז מ'קאָן נישט? אַז אַ מיידל אָדער אַ בחור גיט זיך אַליין נישט קיין עצה? צו ווענדן זיך וועמען און קערן?

אַ גליק כאָטש וואָס אַ יידישע צייטונג האָט אַ ווינקל פאַר שידוכים. די מומע בערט האָט זיך צוליב דעם אַבאָנירט אויף דער צייטונג, זי זאָל קיין איינע נישט דורכלאָזן. עטלעכע מאָל האָט זי שוין געפרווווט דאָס מזל, געשריבן בריוו. נישט זי האָט געשריבן, אָבער זי האָט אָנגערעדט דערצו ראָזעטן. ס'איז איין מאָל, אַ צווייט מאָל אַפילו דערגאַנגען צו אַ טרעפונג, נאָר ס'איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען, ס'האָט נישט געקלעפּט.

איצט זאָגט איר דאָס האַרץ, אַז ס'איז אויף אַ גלייכן וועג. זי גיט צו פאַרשטיין דער שוועסטערן־טאָכטער, אַז דאָס מאָל זענען פאַראַן גוטע סימנים. ס'זעט ממש אויס אַ גאָט־זאַך. ער, דער בחור, האָט אַ מומע, און זי, ראָזעט, האָט אַ מומע. ביידע זענען זיי ווי מאַמעס. דאַרף מען דען בעסערע מחותנים? ווער קאָן זיך אַזוי צונויפרעדן ווי צוויי מומעס? און אַ בחור אַ גאָלד, גוט סיטואירט. ער דאַרף נישט און וויל נישט די כלה זאָל אים אַריינברענגען עפּעס וואָס אין נדן.

די מומע בערט האָט ווידער גענומען פאַר אַן עדות די צייטונג. זי האָט גענומען לייענען די מעלדונג, געלייענט געלאַסן, אַקצענטירט יעדעס וואָרט: "מיין נעווע 33 יאָר, אַ שיין, הויך, אינטעליגענט יינגל. וויל זיך באַקענען מיט אַ שיין אינטעליגנט מיידל, אַ הויכע. ביז 27. מוז נישט זיין רייך. שרייבן אָדער זיך ווענדן אין דער אַדמיניסטראַציע אויפן נומער 7380".

זי האָט פאַרענדיקט לייענען און מיט טריאומף אַ שמייכל געטאָן צו ראָזעטן. ראָזעט האָט מיט איר געוויינלעכער פלעגמאַטישקייט אויסגעהערט און מיט נאָך מער פלעגמאַטישקייט זיך אָפּגערופן:

– כ'בין נישט פאַר אים, ער זוכט אַן אַנדערע, נישט אַזעלכע ווי איך.

– די מומע בערט האָט זיך אויפגעריסן ווי מ'וואָלט זי אָפּגעבריט.

– וואָס הייסט ביזסט נישט פאַר אים? פאַרוואָס אַן אַנדערע און נישט דו? דער בחור וויל אַ שיין, הויך מיידל, נישט קיין רייכע. נו, איז נישט אַזעלכע ווי דו? הויך ביזסטו צי נישט? אַזאַ יאָר אויף מיר ווי שיין דו ביזסט, ווען דו פּוצט זיך אַ ביסל צו, טוסט אָן אַ שיין קלייד, מאַכסט זיך אַ שיינע פריזור, ביזסטו שיין ווי גאָלד. רייך ביזסטו נישט. ער וויל דאָך נישט קיין רייכע.

– כ'בין נישט פאַר אים.. כ'בין עלטער פון אים. ער זוכט אַ סך אַ יינגערע.

– איז וואָס אַז 34 יאָר? שטייט דיר אָנגעשריבן אויפן שטערן וויפל דו ביזסט אַלט? אַ פערד, וואָס מ'וויל קויפן, קוקט מען אַריין אין די ציין צו וויסן וויפל ס'איז אַלט. אַ מיידל קוקט מען נישט אַריין אין די ציין. וואָס פאַר אַן אומגליק, אַז דאָס ווייב איז מיט אַ יאָר עלטער פונעם מאַן? ס'קאָכט זיך נישט אויס? פון מיין בערלען, מיר צו לאַנגע יאָר, בין איך געווען מיט אַנדערהאַלבן יאָר עלטער, האָט עס אונדז געשאַדט צו זיין אַ גליקלעך פּאָרפאָלק? דער רבונו של עולם רעכנט זיך ווייניק מיט די יאָרן. מיין בערל איז יינגער געווען פון מיר און פריער פון מיר אַוועק פון דער וועלט. ס'עט שוין ווערן 6 יאָר ווי ער האָט מיך, די עלטערע, געלאָזט אַליין.

– מיר איז נישט קיין נפקא מינא, אָבער דעם בחור איז זיכער יאָ אַ נפקא מינא, אַ נישט וואָלט ער נישט געשריבן פון וואָסער עלטער דאָס מיידל דאַרף זיין.

– האָב איך דיר דאָך געזאָגט, אַז מע קוקט נישט אַריין אין די ציין. ס'שטייט דיר נישט אָנגעשריבן אויפן שטערן וויפל ביזסט אַלט. וועלכעס מיידל זאָגט עס אויס אירע יאָרן? אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דו קאָנסט אָנגיין אַפילו העכסטנס אויף 28. זאָל נאָר צושטאַנד קומען די טרעפונג, פריער צווישן מיר און זיין מומע, דערנאָך צווישן אייך ביידע.

* * *

וואָס די מומע בערט האָט אַרומגערעדט מיט דער אַנדערער מומע איז געבליבן אַ סוד. ס'איז אָבער קענטיק געווען, אַז זי האָט דערגרייכט אירס. די אַלטע בערט איז געווען אין זיבעטן הימל. אויף אירע אַלטע יאָרן, ווען אַ מענטש טויג שוין צו גאָרנישט,

וועט זי אויפטאָן אַ גרויסע זאַך, וועט חתונה מאַכן די יתומה, דער שוועסטערס טאָכטער, וואָס איז איר ווי אַן אייגן קינד.

ראָזועטן האָט זי געהאַלטן אין איין איינרעדן, אַז דאָס מאָל איז עס אַ באַשערטע זאַך, פשוט אַ גאָט־זאַך, די מחותנים צוויי מומעס, ביידע מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן זייערע שוועסטערן־קינדער. זאָל נאָר זי, ראָזועט, נישט אָנהייבן דרייען מיט דער נאָז, אויב עפעס וועט נישט זיין אַזוי איי־איי. מ'דאַרף נישט זיין צו פיל איבערקלייבעריש. דער בחור האָט אַ ברילִיאַנטן האַרץ, האָט די מומע געשוווירן. אָבער ער איז נישט קיין גרויסער בעל־מדבר, אַ שטיקל שווייגער. מ'דאַרף אים נישט ציען פאַר דער צונג, ער האָט ליב צו שווייגן. ס'איז גאָר אַ מעלה. וואָס ווייניקער אַ מאַן רעדט, אַלץ בעסער פאַרן ווייב. דאָס ווייב קאָן דעמאָלט באַלעבאַטעווען ווי ס'געפעלט איר. זאָל נאָר בשלום דורכגיין די טרעפונג. פון אירטוועגן וואָלט מען באַלד געשריבן תנאים. אַמאָליקע צייטן האָבן זיך חתן־כלה געזען ביי די תנאים און ס'איז גוט געווען. נאָר מילא, אַנדערע צייטן, זאָלן חתן־כלה זיך פריער באַקענען. אַז ראָזועט וועט געפעלן ווערן איז זי זיכער. פאַרוואָס זאָל זי נישט געפעלן ווערן. דער בחור האָט ליב אַ הויכע. ראָזועט איז אויסגעוואַקסן ווי אַ סאָסנע. אַי עטלעכע יאָר מער? צוואָס זאָל ער דאָס וויסן? ווען ער וועט זיך דערוויסן נאָך אַלעמען, וועט ער שטילערהייט אַראָפּשלינגען, וועט נישט מאַכן קיין לייטיש געלעכטער.

די אַלטע בערט האָט צוגעגרייט ראָזועטן צו דער טרעפונג, ווי אַ מאַמע גרייט אַ טאָכטער צו דער חתונה. זי האָט איר אָנגעזאָגט זי זאָל למען השם גיין צו אַ גוטן פריזירער. זאָל זי דאָס מאָל נישט קוקן אויף די פּאָר פראַנק. זי האָט זיך מטריח געווען צו איר און געהאָלפן איר אויסקלייבן אַ שיין קליידל. ווען ראָזועט איז געווען פיקס און פאַרטיק, אויסגעצירט אין האָניק און אין עסיק, האָט די מומע בערט זיך פשוט געשפיגלט אין איר, אַרומגעקוקט זי פון אַלע זייטן און, אָנקוועלנדיק פון נחת, איר פאַרזיכערט; אַזאַ יאָר אויף מיר וואָס פאַראַ שיין מיידל דו ביזסט. זי האָט איר צוגעווונטשן ס'זאָל זיין אין אַ מזלדיקער שעה און אָנגעזאָגט זי זאָל למען השם נעמען אַ טאַקסי, נישט שלעפּן זיך מיטן מעטראָ וואָס ציט אַרויס די כוחות.

די אַלטע בערט וואָלט זי גערן באַגלייט אין דער "קאַפע דע פּאַרי". ראשית כל האָט זי חשק וואָס גיכער אַליין צו זען דעם חתן־בחור, והשנית, קאָן מען זיך אויף ראָזועטן נישט פאַרלאָזן. זי איז טאַקע אַ מיידל אין די יאָרן, אָבער ווייסט נישט ווו איין און ווו אויס. היינטיקע צייטן אָבער פירט מען זיך, אַז אַ מיידל מיט אַ בחור באַגעגענען זיך צווישן זיך אַליין. מ'דאַרף נישט זיין פאַרצייטיק. נאָר צוואַרטן אויף ראָזועטס צוריקקומען וועט זי. ווי לאַנג דאַרף עס דען אין גאַנצן דויערן? אַ שעה, צוויי. ביי ביידע גייט נישט דאָס מויל אויף דעדלעך. זיי וועלן זיך זען, געפעלן ווערן און פאַרטיק. צו וואָס זאָל זי גיין אין שטוב, זיצן און וואַרטן ווי אויף הייסע קוילן ביז ראָזועט וועט איר צווויסן געבן?

וואַרטנדיק ביי ראָזועט האָט די מומע בערט איבערגעקוקט דער שוועסטערן־טאָכטערס גאַרדעראָב, אַרומקעקוקט זיך אין איר באַלעבאַטישקייט, אויסגעחשבונט וואָס מ'וועט דאַרפן צוקויפן צום אויסשטייער. ניין, זי וויל נישט זי זאָל חתונה האָבן ווי אַן אָרעמע יתומה. איר, בערטן, סטאַיעט נאָך זיך צו לאָזן קאָסטן. אַזאַ יאָר אויף איר וואָס פאַר אַן אויסשטייער זי וועט איר שענקען. און אַ חתונה וועט זי אויך פראַוועון, ווי ס'פירט זיך ביי לייטן.

שפּינענדיק אַזוי שיינע פּלענער, האָט די מומע בערט פֿאַרוואָרפֿן דעם מידן אַלטן קאָפּ אויפֿן טיש, אָנגשפּאַרט זיך אויף די פּאַרלייגטע הענט. ס'האָט נישט לאַנג גענומען ווי זי האָט געפּראַוועט די חתונה: ראָזעט איז אָנגעטאָן אין אַ שיין, ווייס חתונה־קלייד, אין אַ טיולענעם וועלאָן אויפֿן קאָפּ, כּלי־זמרים שפּילן אַ פֿריילעכס, עולם אָן אַ שיעור; זי, בערט, איז אויך אָנגעטאָן אין בגדי־מלכות, איר בערל אַ יומטובדיקער איז ביי איר זייט, ער שיינט פֿון שׂמחה וואָס זיין ווייב איז אַזאַ אשת חיל, געפֿונען אַזאַ גליקלעכן זיווג פֿאַר דער יתומה. אָט באַזעצט מען די כּלה, דער בדחן הייבט אָן מיט אַ ניגון זיין פּיזמון, ס'דערהערט זיך ווי די מומע פֿון חתנס צד רופֿט צום עולם: מאַכט אַ וואָרע, דער חתן גייט! מיט אַ מאָל האָט זיך די אַלטע בערט אַ וואַקל געטאָן און אָנגעהויבן זיך אַראָפּקייקלען פֿון אַ באַרג. זי האָט דערפֿילט אַ טרייסלעניש און זיך אויפֿגעכאַפּט. לעבן איר איז געשטאַנען ראָזעט און זי געשאָקלט פֿאַרן אָרעם. די מומע האָט זי דערזען אָן דעם חופּה־קלייד און איידער וואָס, איידער ווען פֿאַרבראָכן די הענט. ראָזעטס פֿאַראומערטע שטימע און דאָס זויערע פּנים האָבן פֿאַרטריבן די לעצטע ברעקלעך פֿון זיסן חלום. די וואָר האָט צוריק אויפֿגעוועקט די אומגעדולדיקע דערוואַרטונג.

– דערציייל־זשע, מיין קינד! אַלץ בשלום אַ דורך? מ'קאָן דיר שוין זאָגן מזל־טוב?

– וואָסער מזל־טוב?

ראָזעט האָט אַראָפּגעשלונגען אַ שלוכץ, וואָס האָט געשטיקט אין האַלדז. דעם גאַנצן צוריק־וועג האָט זי זיך איינגעהאַלטן נישט פֿונאַנדערצווויינען. איצט האָט זי שטיל געהעשעט.

– וואָס איז מיט דיר? האָט ער דיך חס וחלילה געפּרעגט וויפֿל ביזסט אַלט? ניין? איז וואָזשע אַזאַ מינע? דערציייל בעסער, ווי ס'איז דורגעגאַנגען דאָס זעעכץ. וועגן וואָס האָט איר גערעדט?

ראָזעט האָט נאָך אַ מאָל אַראָפּגעשלונגען אַ שלוכץ, אויסגעווישט די פֿייכטע אויגן און איבערגעחזרט דער מומעס ווערטער:

– וועגן וואָס גערעדט? ער קען דען רעדן? ער איז אַזאַ יאָנקנדיקער, אַז אַ וואָרט אַרויסצורעדן געדויערט ביי אים אַזוי לאַנג, אַז דאָס האַרץ פֿאַלט אַרויס. צום סוף פֿאַרשטייט מען נישט וואָס ער זאָגט.

– האָסט גאָרנישט פֿאַרשטאַנען?

– עטלעכע ווערטער, וואָס ער האָט קוים אַרויסגעיאָנקעט - באָ-אָנ-זשו-ור, מאַ-אַ-דע-מו-אַז-על.

– וואָס דאַרפֿסטו מער? וואָס טויג דיר אַ שטאַרקער אין פּיסק? אַ סיטואַציע האָט ער? קיין קריפּל איז ער חס וחלילה נישט? אַ הויכער, שיינער מאַנספּערשוין איז ער?

– אַ דראָנגאַל! אַן איבערגעוואַקסענער. קיין שיינער איז ער אויך נישט.

– מיין מאַמע האָט געזאָגט אַן אויב אַ מאַנספּערשוין איז נאָר שענער פֿון אַ מאַלפּע, איז ער שוין שיין.

– אָבער רעדן קען ער נישט!

– ער איז דען חס וחלילה אַ שטומער?

– ערגער ווי אַ שטומער. ער וויל אַרויסיאָנקען אַ וואָרט און קען נישט.

– נאַריש קינד, וואָס טויג דיר דאָס רעדן? וואָס ווייניקער אַ מאַן רעדט, אַלץ בעסער פֿאַרן ווייב.

ראָזעט האָט מער נישט אויסגעהאַלטן, זי האָט זיך פֿונאַנדערגעכליפּעט און דורך די

פיניע פלאָטקין

## *פון אַלטן העפט*

# קונסט און דער בלויער עקראַן

ניין, איך וועל ניט אָפּגיין פון עקראַן
ביז ס'וועט ניט פֿאַרענדיקן זיך דער קאָנצערט,
ביז דער שוישפּילער וועט זאָגן: פֿריינד,
זייט געזונט, אַ דאַנק, צו ווידערזען.

שפּעט, אַ ווייסער וואָלקנדל אַנטלויפֿט,
די לבֿנה הינטער אים פֿאַרגייט.
בלויז דער הויכער טאָפּאָל אויפֿן הויף
אָן באַוועגונג אַ פֿאַרטראַכטער שטייט.

איך באַמערק ניט ווי עס לויפֿט די צייט,
ווי דער הימל אייגנאַרטיק לויכט.
שוין דער זינגער דער באַרימטער שווייגט,
און דער אַלטער טעלעוויזאָר אויך.

דורך דער טיר, פֿאַרביי דער הויכער שוועל
קומט די זון און גוט די וועלט באַשיינט.
טאָמער גייט אַ מענטש און אים איז שווער,
זאָגט אים, אַז ער זאָל אין שטוב אַריין.

זאָגט אים נאָך אַ מאָל, אַז עכטע קונסט
אַ געפֿאַלענעם, אַפֿילו, הויך הייבט אויף
איינעם היילט זי אויס אַ שווערע ווונד,
איינעם צו רחמנות האָבן רופֿט.

---

טרערן אַרויסגעשטאַמלט:

– כ'האָב קיין מאָל נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדן, כ'וויל האָבן מיט וועמען זיך דורכצורעדן, פֿון וועמען צו הערן אַ וואָרט.

דער מומע בערט האָט אָנגענומען ביים האַרץ. דאָס מיידל האָט זיך טאַקע אַלע מאָל באַקלאָגט, אַז זי האָט נישט מיט וועמען אויסצוטוישן אַ פּאָר ווערטער. כאָטש ס'האָט איר נאָך אַלץ אויסגעזען אַ גאָלדענער שידוך, איז זי געוואָרן נאָכגיביק און אָנגעהויבן זי טרייסטן.

– נאַריש קינד, צוואָס דאָס כליפּען? עס צווינגט דיך דען עמעצער? נישט איז נישט. וואָס האָסטו דאָ אָנגעוואָרן ביי דער גאַנצער מעשה? וויפֿל ביזסט אַלט האָט ער נישט געפֿרעגט. געפֿעלן ביזסטו אים, אַזאַ יאָר אויף מיר ווי דו ביזסט אים געפֿעלן געוואָרן. נאָר אַז דו ווילסט נישט, איז נישט. און אפשר וועסטו זיך נאָך איבערלייגן? גיי שלאָפֿן מיין קינד. ביינאַכט, אין בעט קומען אַלע גוטע געדאַנקען.

ראָזעט האָט זיך ווידער צעכליפּעט:

– טאַ זאָל שוין די מומע גיין, כ'וויל גיין שלאָפֿן.

איינעם טיף אין האַרצן גייט אַריין,
איינעם ברענגט זי אָפּשיי, ליבע, רום.
ניין, איך וועל ניט אָפּגיין פֿון עקראַן
מאָרגן, איבערמאָרגן, אין אַ יאָר אַרום.

1971

## ווו עפּל־ביימער בליען

ע.פּ.

אין סאָד די אַלטע עפּל־ביימער בליען
ווי פּאַראַיאָרן, אויסגעצייכנט, שיין.
איך וויל דו זאָלסט זיך גוט צו מיר באַציען,
איך דאַרף דו זאָלסט זיך גוט מיט מיר באַגיין.

אויב טרוימען, מערסטנטייל, מגלגול ווערן,
קומט זיכער אָנערקענונג, רום, דערפֿאָלג.
איך גלויב, אַז ניט אומזיסט אַ קאַלטער שטערן
ווייט אָפּטרעטן פֿון אונדז האָט ניט געוואָלט.

איך גלויב, אַז ער איז ניט פֿון יענע עדות,
וואָס זיינען, ווי מע רעכנט, טויב און שטום.
ניט זיי אויף אים אַ גאַנצן אָוונט ברוגז,
ניט קוק אויף אים אַ גאַנצן אָוונט קרום.

ניט רעכן, אַז זיין מצב איז פּאַרענדיקט,
אַז דיך, אין וועג, אַ שוואַרצע קאַץ באַגלייט.
בלייב ווילגעשטימט, מיין טייערע, איך בעט דיך,
בלייב אומדערגרייכבאַר, מילד ווי יונגערהייט.

ניט זאָג זיך אָפּ די אַלטע וווּנדן היילן,
גיי דורך די שוועל פֿון בענקען רואיק, אָן פּאַרלוסט.
וואָס וועט דער קומענדיקער טאָג דערציילן
דער ווייסער וועלט. וואָס וועט ער ברענגען אונדז?

צי ווייס ער וואָס אונדז פֿעלט, וואָס אונדז איז הייליק,
וואָס אונדז איז קיין מאָל ניט געוועזן פֿרעמד?
ניט הויך אַ וואָלקן אויף דער העלפט צעטיילט זיך,
דער זעלבער שטערן אויפֿן הימל ברענט.

ער היט זיין אָרט אין דער אַלוועלט ווי פֿריער,
אים איז בפירוש, אומבאַשטימט די צייט.
איך וויל דו זאָלסט זיך גוט צו מיר באַציען–
באַטראַכט זיך וואָס דאָס הייסט, וואָס דאָס באַטייט.

1968

עקיבא פישבין / פאַריז

# אַן אַריינבליק אין דער געשיכטע פון יידן אין פוילן

דאָס בוך פון דאַניעל טאָלע*) נעמט מען אין דער האַנט אַריין מיט אַ חידוש. אַז אַ פראַנצויזישער פאָרשער זאָל זיך גריבלען אין די דברי ימים פון יידן אין פוילן קומט אויס אַ ביסל מאָדנע. אמת, די שואה איז בכוח אַ ריר צו טאָן אַ פילבאַרן היסטאָריקער ער זאָל נעמען נישטערן, וועלן דערגיין דעם פאַרוואָס און פאַרוועו. אין זיין הקדמה צום בוך "די געשיכטע פון יידן אין פוילן" באַמערקט טאָקע פּיער שאָני, דער למדן בתחום ההיסטאָריע, אַז טאָלע איז באַהערשט געוואָרן פון "אַ פייערדיקער תשוקה מזכיר צו זיין די טויטע (יידן אין פוילן), בכדי משרת צו זיין די לעבעדיקע אין גאַנג פון זייער שווערן וועג".

ערשט, ווען דער בעל־הספר נעמט אַליין אַ וואָרט, ווערט שוין אונדזער חידוש קלענער; ס'ווייזט זיך אַרויס, אַז אין דעם אַ פראַנצויז קלאַפּט אַ יידישער אָדער. אייגנטלעך, לפי דער הלכה, איז טאָלע אַן אונדזעריקער; זיין מאַמע, אַ יידישע פרוי, האָט צוליב איר יידישקייט געהאַט אויסצושטיין מסתם, בשעת דעם נאַציזשן גיהנום, גענוג געברענטע צרות. דער מחבר פון בוך באַמערקט, אַז זיין חיבור האָט ער געשריבן

---

## דער אַלטער ראָמאַנס

אַן עלטערע פרוי זינגט אַ רוסישן אַלטן ראָמאַנס
באַגייסטערט, מיט שטאָלץ און מיט בלומען אַ בינטל אין האַנט.
איך גלויב: גלייך ווי וווילטאָג, די אַלטע געדענקט אויף געוויס
דעם גרויסן טעאַטער אין הויפּשטאָט און איר בענעפיס.
דערנאָך - דאָס געזונט אויף דער עלטער, און שונאים... און פריינד...
נאָר ס'קלינגט אין עפּיר און ניט זעלטן דער זעלבער געזאַנג
אין הייזער געראַמע, אין שטילע ביי אייך און ביי אונדז,
ווו ס'קאָעקזיסטירן פרייוויליק בלויז ליבע און קונסט.

* * *

אַ האַרבסטיקער וועטער. ס'איז כמאַרנע געוואָרן. אַ גליטשיקער וועג.
פיר סקריפּנדע רעדער און איך זיץ אין וואָגן שוין עטלעכע טעג.
די ערד ווערט פאַרגליווערט פון שנייעלעך ווייסע. דער הימל - ווי בליי,
דער פורמאַן פון וויגשטול דערציילט מיר אַ מעשה און דרעמלט דערביי.
און ס'ציען זיך ווערסטן, ווי סטעזשקעלעך לאַנגע, פון דערפל צו דאָרף.
אין זינען - געדאַנקען, געדאַנקען, געדאַנקען. צי זיין וועט אַ סוף?
אין זינען - חברים באַקאַנטע, באַוווסטע פון אַלטן פאַרבאַנד.
פאַרגעסענע נעמען, צעשיידונגען קורצע און אַלץ נאָכאַנאַנד.
ניט נאָענט די שטוב און דער פאַסיקער עולם, דער סאָד און די גאַס -
ניט ווילנדיק קומט, ווי אַ חלום אַ ווילער, דער אַלטער ראָמאַנס.

1992

כדי אָנצוצינדן אַ יזכורדיקן נר־תמיד פֿאַר "איין טייל פֿון זיין משפּחה". ער האָט אָבער נאָך אַ כוונה געהאַט; און אָט וואָס ער זאָגט אין זיין הקדמה: "איך האָב געשריבן מיט דער האָפֿנונג, אַז איין טאָג וועט זיך דערוועקן ביי מיינע קינדער אַ חשק צו וועלן דערקענען דעם עבר פֿון איין טייל משפּחה, דעם טייל פֿון מיין מאַמע און זייער באָבע - פֿרידאַ".

ווי מיר זעען וואָרצלט אין טאָלע אַ שטיק יידיש האַרץ; אַ געפֿיל, אַז דער "כל ישראל ערבים זה בזה" האָט אַ שטיקל שייכות אויך צו אים. אָט, דערציילט ער, אַז אין חודש מערץ 1968 האָט ער, אַ יונגער סטודענט, געגרייט אַ דיפּלאָם אויפֿן היסטאָרישן פֿאַקולטעט פֿון וואַרשעווער אוניווערסיטעט. געווען איז עס גראָד די צייט ווען דאָרט האָט זיך צעפֿלאַקערט דער אַנטיסעמיטיזם פֿונעם גאָמולקאַ־און מאָטשאַר־שניט, ווען יידן זענען באַצייכנט געוואָרן ווי אַ "פֿינפֿטע קאָלאָנע" פֿון "ציוניסטישן אימפּעריאַליזם"...

ס'האָט נישט געפֿעלט קיין סך, אַז יענע פֿרומע קאָמוניסטן זאָלן מכריז זיין, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט אויף מצות. לסוף האָט מען די יידישע "אגענטן פֿון קאַפּיטאַליזם און ציוניזם" פֿאַרטריבן פֿון "פֿאָלקס" פּוילן, כאָטש אַוועקגעגעבן האָבן יידן גענוג בלוט און לעבן פֿאַר אַ יושרדיקן סדר אין דער מדינה.

ראָמאַן דמאָווסקי, דאָס פֿאָטערל פֿון די פּוילישע ענדעקעס, האָט אין יאָר 1904 געשריבן "אַ נאַציאָנאַלע קערפּערשאַפֿט טאָר נישט אַקצעפּטירן פֿרעמדע עלעמענטן (געמיינט יידן) מער, ווי זי קאָן זיי פֿאַרדייען" (ז. 243). פֿאַר דמאָווסקין זענען פּוילישע יידן געווען אַ פֿרעמדער עלעמענט... נו, מילא, כידוע איז דמאָווסקי געווען אַ צורר היהודים מיט אַ פּאַטענט! אָבער אין וואַרשע, אין יאָר 1968, האָט דאַניעל טאָלע פֿון זיינע פּראָפֿעסאָרן (פֿאָליאַקן פֿון קאָמוניסטישן חדר) געהערט דיבורים, אַז "פּוילן טאָר נישט ווערן אַ מולטינאַציאָנאַלע מדינה; די געשיכטע האָט באַוויזן, אַז דאָס איז געפֿערלעך פֿאַרן לאַנד" (ז.11) אויף ריין מאַמע־לשון וויל דאָך דאָס זאָגן - עטנישע, אויב נישט ראַסן־ריינקייט, כמשמע "איין לאַנד, איין פֿאָלק, איין פֿירער" - די שיינע רייד פֿון היטלער י"ש וזכרו!...

אַז דאַניעל טאָלע האָט דערהערט די דאָזיקע רייד, ווען ער האָט געזען די פּאָגראָם־שטימונג וואָס האָט זיך אָנגעצונדן אין פּוילן קעגן זיין מאַמעס שטאַם, איז אין אים פֿאַרגליוועט געוואָרן דאָס בלוט. "די יידישע דראַמע - שרייבט ער - האָט אָנגערירט אינטים מיין פּריוואַטע פּערזאָן". אין טאָלע, דעם האַלבן ייד, האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿונק; עפּעס האָט דאָס פּינטעלע ייד אין אים אַ ציטער געטאָן! און ויהי היום... אין יענע טרויעריקע טעג פֿאַרן רעשטל יידן אין פּוילן האָט זיך ביים היסטאָריקער טאָלע צעפֿלאַקערט אַ ברען: ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו פֿאָרשן די יידישע געשיכטע על נהרות פּוילן. איז ער אַוועק צו די קוואַלן פֿון אונדזערע פּראָמינענטע היסטאָריקער, געשעפּט פֿון זייערע פֿאָרשונגען אין פֿרעמדע שפּראַכן אַרויסגעגעבענע, באַנוצט דעם גרויסן סכום פֿאָרש־אַרבעטן אין פּוילן נאָך דער מלחמה (פֿון יידן און פּאָליאַקן); און האָט פֿאַרשטענדלעך געזוכט אַליין אין די אַרכיוון. לסוף, האָט זיך באַקומען אַ פֿאַרביקע פֿרעסקאָ, געמאָלן מיט אַ הייסן אָטעם, אַ בילד פֿון יידישער געשיכטע זייט מ'האָט יידן גערופֿן צו העלפֿן אַנטוויקלען דיווירטשאַפֿט פֿון לאַנד, ביז נאָך דער שואה, ווען מ'האָט דעם רעשט יידן, די ניצול געוואָרענע פֿון דער נאַצישער האַק, ברוטאַל דערקלערט, אַז געענדיקט - מען דאַרף זיי נישט מער...

איז, ווי אַזוי זעט דער פראַנצויזישער היסטאָריקער טאָלע דאָס אַלץ? פּאַר אונזערע אויגן דערשיינט אַ געמאַטערטער קאָמפּליצירטער, שווערער יידישער וועג על אדמת פוילן. טאָלע מאָלט די ספּעציפישע לאַגע פון ייד אין לאַנד; זיין דינאַמישע טואונג, פון וועלכער ס'קווועלן אָפּ די מושלים - די קעניגליכע מאַכט און די גרויסע ערד־מאַגנאַטן - און די נישט פאַרגינערישקייט ביים רוב פאָלק, וואָס פירט צום מצב פון אַ וויסטער שנאה. דעם אַ אַספּעקט מאָלט טאָלע בהדרגה, היסטאָריש; ער באַווייזט, ווי אַזוי פון אַ כלוימערשטן "גן עדן", בימי דעם 13־טן און 14־טן י"ה, ווען פוילישע הערשער האָבן זיך אַרומגעכאַפּט מיט יידן, איז געוואָרן אַ שרפהדיקער גיהנום; און לסוף האָבן די פּאָליאַקן דערלעבט, וואָס זיי האָבן געוואָלט - פטור געוואָרן פון יידן.

דער היסטאָריקער טאָלע לערנט אונדז, אַז שוין אין 7־טן י"ה זענען פאַראַן יידישע סוחרים על אדמת פוילן. אַ חיבור פון אברהם בן יעקב פון טאָלעדאָ זאָגט, אַז שפּאַניש־יידישע סוחרים האָבן באַטראַטן די פוילישע ערד אין 11־טן י"ה. צו דער זעלבער צייט באַזעצן זיך אין פוילישן שלעזיע יידן פון דער שטאָט פּראָג. לפי אַן אַלטער כראָניק איז אין די סופיקע יאָרן פון 12־טן י"ה פאַראַן אַ יידישער ישוב אין קראָקע. אַז יידן וווינען און שאַפן אין פוילן זייט קדמונים דערציילן די אָפּגעפונענע מטבעות מיט יידישע אותיות; דאָס האָט דער קעניג מזכה געווען יידן צו שלאָגן מטבעות, וואָס זאָלן צירקולירן ווי געלט אין דער מדינה. אָפּשאַצנדיק די טירחא פון יידן אין קאַליש וואָס זענען עוסק אין דער אָ געלט־בראַנזשע, האָט דער מלך באָלעסלאַוו דער פרומער, אין יאָר 1264, געחסמעט דעם באַרימטן "סטאַטוט פון קאַליש", וואָס האָט יידן דערלויבט פריי צו פירן מסחרים און זיך פאַרנעמען מיט קרעדיט. מען האָלט, אַז יידן איז דערלויבט געוואָרן צו באַשעפטיקן זיך אויך מיט ערד־אַרבעט (דער וויכטיקסטער צווייג פון דער ווירטשאַפט בשעתו), און פאַרנעמען אַדמיניסטראַטיווע פּאָזיציעס אין לאַנד.

הקיצור, יידן האָבן לייטיש געגומען אַנטוויקלען די ווירטשאַפט פון פוילן. אָבער קלעצער אונטער די יידישע פיס האָט מען שוין דעמאָלט גענומען נישקשהדיק וואַרפן. די קירכע האָט גענומען פלאַקערן מיט פייער - פאַרברענט צו ווערן. דער "סטאַטוט פון קאַליש" איז איר געווען אַ ביין אין האַלדז. אַ "הייליקער" סינאָד האָט פון קעניג פאַרלאַנגט צו פאַרווערן יידן אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס; און נאָך עפּעס האָבן זיי געוואָלט - פיזיש אָפּגרענעצן יידן פון קריסטן.

היות ווי פוילן איז בשעתו אויסגעהונגערט אין פעיקע מענטשן, אין אנשי חכמה ודעת, וואָס קאָנען די מלאכה פון פאַרשאַרצן די אַרבל און נעמען יאַרידעווען, האָט מען זיך אין קעניגליכן שלאָס נישט געמאַכט הערן. דער קעניג קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט באַמערקט שוין, אַז דער ייד האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק און מיט אימפּעט ברענגט ער דעם לאַנד ברכה והצלחה; האָט ער נישט נאָר נישט געהערט דאָס קריצעניש מיט די ציין פון דער "פרומער" קירכע, נאָר געענטפערט האָט ער איר מיט די צוקונפטיקע רייד פון וואָלטערן: "אייערע רייד קלינגען זייער שיין, מיר אָבער מוזן באַוואָסערן אונדזער אייגענעם גאָרטן". און דער מלך האָט די ווירטשאַפטלעכע טואונגען פון יידן נאָך מער אונטערשטיצט, באַדייטנדיק אויסגעברייטערט יידישע פּריווילעגיעס, פאַרשטאַרקט די קעניגליכע השגחה, און די יידן פאַרלייכטעט דאָס לעבן. אין קיין שום אייראָפּעיש לאַנד אין 14־טן י"ה האָבן יידן נישט אַזוי פריי געאָטעמט , ווי אין פוילן בשעת דער ממשלה פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן.

אַוודאַי האָט דער מלך געעפנט די שערי רחמים פאַר יידן נישט לשם שמים. קודם האָט ער געהאַט פּערזענלעכע פינאַנציעלע אינטערעסן. שטייערן פון יידן האָט רעכט געהאַט צו נעמען נאָר דער קעניגליכער אוצר. קיינער האָט נישט געטאָרט אַרויפלייגן אויף אַ ייד צוגאָבלעכע שטייערן. חוץ מזה, האָט קאַזשימיעזש אויסגעשפּילט אַ פּאָליטישע קאָרט קעגן פּוילישן בירגערטום.

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן די "חתונה".

דערלויבן יידן צענעמען די הענט איז, לפּי דער קירכע און שטאָטישן בירגערטום, געווען בבחינת "עברה פאַר גאָט". די פּוילישע המנס האָבן גענומען אויפן קעניג אויסרעדן אסור לדבר. איינער אַ שרייבער האָט געלאָזט פאַלן אַ קלאַנג, אַז דעם מלכס געליבטע אסתרקע, די לילית, האָט אים נעבעך אַריינגעכאַפּט אין אירע כישופריקע נעצן און אויסגעפּועלט פאַר איר פאָלק אַ שווילטאָג... פון מזרח צו מעריב, פון צפון צו דרום, איז דער אסתרקע אַרגומענט זיך צעגאַנגען איבער פּוילן. אויך די קירכע האָט געאַרבעט מעשים. די פּוילישע קעניגן האָבן דאָך געהאַט מער שכל ווי דער חכם אחשורוש; זיי האָבן די אַנטיסעמיטן געהאַט אין דער אדמה, און די יידן־פּריווילעגיעס פון צייט צו צייט באַשטעטיקט און אויסגעברייטערט.

יידן האָבן אין פּוילן געהאַנדלט און געוואַנדלט, אַנטוויקלט דעם גרויסן און קלענערן מסחר, די פינאַנצן; געווירקט אויך אין מלאכה. אין 14־טן און 15־טן י"ה זענען פאַראַן אין קראָקע, לובלין און דראָהאָביטש יידישע באַנקירן מיט אַ פאַרנעם. יידן אינוועסטירן אין ביר־ברויערייען און אין מילן. באַנקירן אפילו פון קעניג זענען זיי, הגם די דייטשישע בענק האָבן פאַרכאַפּט דעם פּלאַץ ביי דער יאַגעלאָנער דינאַסטיע. אויף להכעיס אַלע אַנטיסעמיטישע געוואַלדן, האָט דער קעניג אין יאָר 1510 אַוועקגעשטעלט דעם ייד אברהם עזעפאָוויטש אויפן אמט פון פינאַנץ־מיניסטער.

די מערכה פון יידן אין פּוילן האָט צוגעצויגן אחינו בני ישראל נאָכן גירוש שפּאַניע און נאָך אַ פּאָגראָם אין פראַנקפורט (אין יאָר 1525). די געליטענע יידן זענען געקומען זיך באַזעצן אין פּוילן, כדי צו לעבן רואיקער. לפּי ציפערן פון מחבר איז פּוילן אין יענע יאָרן אַ לייטישער יידישער ישוב. אין יאָר 1550 לעבן אין לאַנד 150 טויזנט יידן - דער רוב אין די גרויסע שטעט.

דער אָ סדר איז די טאַטעס פון די פּוילישע שטעט נישט געפעלן געוואָרן; זיי האָבן די יידן געברענט די טריט, אויף די אויגן נישט געלאָזט. צוליב אַ ייד מער אין שטאָט, איז געוואָרן אַ געוואַלד. אָבער דער קעניג און די מאַגנאַטן האָבן באַגינסטיקט לרוב דעם יידישן צד.

אויב איז די קירכע צו יענער צייט להשמיד ולהרג אויף יידן, איז עס אין אַ גרויסער מאָס דערפאַר, וואָס אונזער אמונה איז אַטראַקטיוו אין געוויסע פּוילישע קרייזן. פאַראַן פאַלן פון גיור. די קריסטן פאַרדרייען נישט מער דאָס צביעות און פאַרדאָרבנקייט פון קאַטוילישן קלער אין רוים; און אויך נישט די מאַטעריעלע גייציקייט פון די פּוילישע גלחים. די תורות פון קאַלווין און לוטער טוען אַריינדרינגען על אדמת פּוילן.

אויף דעם ענטפערט די פּוילישע קירכע מיט עלילת־דם קלאַנגען, פּראָוואָצירט פּאָגראָמען אויף יידן און באַשולדיקט זיי אין רואינירן די ווירטשאַפט פון לאַנד. די קירכע פּרוווט אַפילו איינשטעלן די אינקוויזיציע.

די קאָנטעסטאַטאָרישע שרייבער־קאַלוויניסטן, צווישן זיי דער גרויסער מיקאָליי רעי, שלאָגן אָפּ אַלע קירכע־רכילות בנוגע יידן.

בעיקר ברענט די שנאה קעגן יידן אין די שטעט. דאָס בירגערטום באַטראַכט די יידישע רירעווודיקייט ווי אַן אַטענטאַט אויף זייערע אינטערעסן. ובכן, קומט אויף אַ גרויסע אנטיסעמיטישע ליטעראַטור - זי פאַרשפּרייט סם, און סיקעט מיט גאַליקן שוים. אויך דער נאָבעלער שטאַנד פון נידעריקער מדרגה איז עוסק אין יודאָפאָבישע שריפטן. זיי האָבן טענות צו די ערד־מאַגנאַטן הלמאי זיי אַרבעטן מיט יידן.

קורץ און שאַרף - דעם ייד האָט מען אין פּוילן נישט פאַרגינען זיין הצלחהדיקע טוּאונג, הגם לטובת דער מדינה. געוואָלט האָט מען דעם ייד אַרויסרייסן דאָס ברויט פון מויל, און מיט דער צייט איז זיי דאָס גאַנץ שיין געלונגען... מען האָט פון ייד געוואָלט פטור ווערן - ער זאָל פאַרטריבן ווערן פון לאַנד! אמת, אוישוויץ איז נאָך דעמאָלט אין דער מאָדע נישט געווען. אָבער דעם טעם פון שפיכת־דם, פּאָגראָמען, עלילת־דם־פּראָצעסן - דאָס האָבן יידן על נהרות פוילן גאַנץ באַצייטנס דערשפּירט.

די קירכע־פּרינצן האָבן דאָך בעצם געוווּסט, אַז די עלילת־דם באַשולדיקונגען זענען לא היה ולא נברא; אויסגעזויגן פון פינגער. דאָס איז אָבער געווען אַ ברכה פאַר זייערע געשעפטן. איז חי געלעבט!

כידוע, וואָרצלט די אַנטיסעמיטישע שנאה אין דער פינצטערער מיטאָלאָגיע פון קדמונים. זי וואַכט אויף שטענדיק אין סאָציאַל־קריטישע מאָמענטן. זי פאַרשפּיגלט דעם פּחד פאַר מוטאַציע אין דער געזעלשאַפט. כלומרשט זאָל דער ייד "פאַרפלייצן" פּוילן, דאָמינירן און פאַרשקלאַפן די פּאָליאַקן. די ענערגיע וואָס וואַקסט ביים ייד בעל כורחו וואַרפט אָן אַן אימה אויפן גוי. אויס גריזאָטע און קנאה איז ער גרייט דעם יידישן מענטש צו דערהרגענען. נישט די אמונה פון יידן טוט דערצערנען די שונאי ישראל; אין זיי קאָכט דאָס בלוט, ווייל דער ייד האָרעוועט און שאַפט.

אין 15־טן י"ה האָט דער פּוילישער היסטאָריקער, יאַן דלוגאָש, אַן אויסגעקלינגענער נאָמען אין דער פּוילישער רענעסאַנס־ליטעראַטור, קאָמענטירט די יידן־פּאָליטיק פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן בזה הלשון: "אויפן דרוק פון זיין יידישער געליבטע אסתר האָט דער מלך קאַזשימיעזש געגעבן די יידן פּריווילעגיעס, פאָרצוגן און פרייהייטן כאָטש דער קיום זייערער איז אַ באַליידיקונג פאַר גאָט, און דער ריח זייערער איז אַן אָפּשטויסנדיקער". די אָ "היסטאָרישע" אינטערפּרעטאַציע פון באַרימטן דלוגאָש איז נישט אַ דעה פון אַ צופעליקן יחיד, אַ שונאי ישראל. אויף די בלעטער פון "געשיכטע פון יידן אין פּוילן" פון דאַניעל טאָלע געפינט איר אַ סך, אַ סך פאַרסמטע בלימעלעך פון ווערעמדיקע פּאָליטיש־ליטעראַרישע פּרדסים אין פּוילן אין לויף פון הונדערטער יאָרן. טאָלע דערציילט, אַז אין פולן ברען פון מלחמה קעגן נאַצי, ווען בלוט איז פון יידן געפלאָסן, ווי פון אַ וואַסערפאַל, האָבן פּוילישע מלוכה־לייט אין גלות־לאָנדאָן צוגעפּראַוועט פאַר יידן אַ פּלאַן פון אַ מאַסעווער עמיגראַציע... צו די ברעגעס פון שוואַרצן ים (ז 287). די ראָזיקע "פרייהייטס ליבנדיקע" פּאָליאַקן האָבן דעם ווידערשטאַנד אין פּוילן פאַרווערט אויסצוציען די יידן אַ הילפיקע האַנט!...

דער יודאָפאָבישער סם על אדמת פּוילן, וואָס האָט געטריפט פון ליטעראַרישע פענעס במשך לאַנגע יאָרהונדערטער, איז אַן עלעמענט איינגעקנעטן און פאַרפלייצט אין דער היסטאָריע פון לאַנד. דער סם האָט דורכגענעצט אַלע שיכטן פון פאָלק, זיך אַריינגעשניטן טיף אין געדעכעניש פון דער פאָלקישער נשמה און אַריינגעפירט דאָרט עפּעס אַ פינצטערע נאַכט, וואָס עד היום איז זי נישט אויסגעבענקט נאָך ליכט. מיט אַ בליץ־לאָמפּ מוז מען זוכן אין דער געשיכטע פון פּוילן מענטשן, וואָס האָבן זיך

אָנגענומען פאַר יידן, ווען די סם־טריפער האָבן זיך צעיאַכמערט. איינצלנע זענען זיי געווען. געווען ראַקעגן גרויסע פוילישע שרייבער אין 19־טן י״ה, למשל פּרוס, שוויענטאָכאָווסקי, לעבלעכע יידן־פריינד, וואָס זענען מיט דער צייט געוואָרן אַנטיסעמיטן און אויסגערעד׳ט אויף יידן אסור לדבר (זע ז. 240)

ראַניעל טאָלע ברענגט ביישפּילן, ווי יידן האָבן געוואָלט זיך איינגלידערן אין דער פּוילישער געזעלשאַפט דורך אַסימילאַציע, דורך שמד טיילמאָל; אַ ברכה לבטלה! נישט געהאָלפן האָט אפילו דער יידישער אָנטייל אין די פּוילישע אויפשטאַנדן קעגן דער צאַרישער אָקופּאַציע ווען דער אַרעליקער זאַמאָיסקי קלאָגט און וויינט: ״מיר זענען שקלאַפן אין אונזער אייגן הויז. מיר זענען אונטערגעוואָרפן די פריקאַזן פון יידן מיט פּיאות״ (ז. 224) דריקט ער אויס דאָס געפיל פון רוב פּאָליאַקן פארסמטע פון שנאה און האַס צום יידישן מענטש, דעם שכן, זייט יאָרהונדערטער.

דער היסטאָריקער ראַניעל טאָלע, דער בעל מחבר פון אונדזער געשיכטע אין פּוילן, לאָזט לסוף פון זיין בוך הערן לירישע טענער. ער דערציילט ווי אַזוי פּאָליאַקן האָבן געוואָלט העלפן יידן בעת דעם געטאָ־אויפשטאַנד אין וואַרשע. פּוילישע ווידערשטענדלער האָבן געוואָלט שטורעמען די געטאָ־ווענט, יידן זאָלן זיך ראַטעווען אויף דער ״אַרישער״ זייט. זיי האָבן געוואָלט און געוואָלט, ביז די עס־עס כוחות האָבן די געטאָ־ווענט צעשטערט און דעם רעשט וואַרשעווער יידן דערהרגעט.

די תקיעה גדולה פון בעל־הספר איז נישט בכוח צו פאַרבלאַסן די בלוטיקע פלעקן פון פּאָגראָמען, עלילת־דם, דאָס פּאַופּעריזירן דעם ייד און דאָס שפּייען אים אין פּנים, וואָס ווערט געשילדערט דורך אים ביז גאָר אָביעקטיוו.

בסופו של דבר דאַרף באַמערקט ווערן, אַז מיט געוויסע דעות פון מחבר לאָזט זיך פּאָלעמיזירן; פאַראַן אַ חשד, אַז אונדזער מאַמע־לשון איז אים פרעמד. ובכן, האָט ער גענוצט מאַטעריאַלן פון דער צווייטער־דריטער האַנט. ווי קאָן מען פאַרשטיין חסידיזם אָן דער יידישער שפּראַך? קאָן מען פילן אַ טעם אין דער יידישער ליטעראַטור אָן פאַרשטיין יידיש? דאָס זעלבע איז נוגע דער אַנטוויקלונג פון אונדזער מאָדערנעם לעבן אין פּוילן.

און דאָך, קומט ראַניעל טאָלע אַ גרויסער יישר־כוח פאַר זיין פּרוּוו צו פונאַנדערוויקלען פאַר די אויגן פון פראַנצויזישן לייענער די מגילה פון אחינו בני ישראל על נהרות פּוילן.

---

* Daniel TOLLET *Histoire des Juifs en Pologne*. P.U.F. Paris 1992, 331p.


**מכוח אַלע געשעפטלעכע און פינאַנציעלע ענינים**

בעטן מיר אַלעמען זיך ווענדן צו אונדזער פינאַנץ סעקרעטאַר:

**NATHAN STEINMAN**

12017 Goshen Avenue., Apt. 7 * L.A., CA 90049

Phone: (310) 820-2976 **פאַרוואַלטונג ״חשבון״**

משה שקליאַר

## ס׳גייט אויף דער טאָג

ערגעץ שטייט נאָךווינטער אויפן שוועל
מיט ווייס־געפאַרבטע צווייגן,
און דאָ שוין פרילינגט, אין פענצטער
העל
גייט אויף דער טאָג אין שווייגן.

אין נעפל נאָך די בערג פאַרהילט,
צופוסנט פאַלמעס גרינען.
פרימאָרגן שיכור ווערט פון צוויט
און גייט אַראָפּ פון זינען,

און קוקט מיט שטוינונג אויף די וועגן
ווו ס׳איילן קאַר — — — אַוואַנען.
ער וואָלט אַוודאי וועלן פרעגן —
נאָך וואָס, פון ווו און וואַנען?

נאָר קיינער וועט נישט ענטפערן סיי ווי,
די צייט, די צייט איז טייער...
דעם מענטש דערוואַרט אַ טאָג פון מי
און פרילינג וועט פאַרביי אים.

פאַרביי מיט פייגל־צווישטש און מילדן
ווינט,
פאַרביי מיט גרינעם שווייגן,
זיין פלאַטער בלויז וועט בלייבן לינד
הענגען אויף די צווייגן.

* *
*

אַזוי פיל פרילינגס שוין פאַרביי —
עס ווילט זיך זיי נישט ציילן.
און וויפל זענען נאָך געבליבן?
אויב איינער בלויז, איז אויך כדאי
פּאַוואָליע גיין צו אים, נישט איילן...
און אפשר גאָר אַריבערהיפּן
צייט און שטח, ווי אַ מויער,
און מיט ליד אויף הייסע ליפּן
זיך אַריינקאַרבן אין דויער?

## געראַנגל

איך פּרוּוו זיך פון ווינטער באַפרייען,
באַנייען,
אַרויפצין אַ פרילינגדיק העמד,
נאָר סיי ווי
איך בלייב אין דער פרעמד
און אַ קעלט
יאָגט אָן פון דער קאַליקער וועלט,
ווו בלוטרויזן בליען
און כמאַרעס פאַרציען
די זון,
וואָס רייסט זיך אַ יעדן באַגין
אַרויס פון געוועב.

איך ווייס, כ׳בין אַ טייל
פון אָט דעם געראַנגל
און כאָטש אויף דערווייל
עס טוט גאָרנישט באַנג מיר — — —

## האַרבסטיק

אַ מאָל האָט מיך דער האַרבסט באַוועלטיקט,
אַריינגעדרונגען אין געמיט
און אין מיין ליד.
דער שאָרך פון בלעטערפאַל אויף פייכטער ערד
האָט שטיל געציטערט צווישן שורות
און כ׳האָב געהערט
ווי ס׳צערטלט זיי דער ווינט.

חנן קיעל / ניו־יאָרק

# אין ווייסן דזשונגל

## זכרונות

1

זומער 1939, ערב דער דייטשער אינוואַזיע אויף פּוילן, בין איך מיט מיין משפּחה געווען אויף וואַקאַציע אין אָטוואָצק. סאַרקע, מיין פרוי, האָט דאָרט איבערגענומען דעם פּאָסטן ווי די הויפּט־קראַנקן־שוועסטער פון דער "זאָפּיוווקע", אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע. סוף אויגוסט זענען געפאַלן די ערשטע באָמבעס אויף די זומער־ווילעס און אויפן קינדערהיים, וואָס איז געווען אָנגעפירט פון באַקאַנטן דיכטער און דערציער קלמן ליס. דורך די טעג און נעכט ווען וואַרשע איז געוואָרן באָמבאַרדירט, האָבן מיר געוווינט אין שפּיטאָל־הויז פאַר דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער און באַדינונג. דאָ האָב איך זיך באַפריינדעט מיט דעם לאָדזשער שרייבער משה יאָסל סמאָלאַזש און זיין פרוי, אַ קראַנקן־שוועסטער. סמאָלאַזש ווערט דערמאָנט פון ח.ל. פּוקס אין זיין בוך "לאָדזש של מעלה" און אין יצחק יאַנאָסאָוויטשעס "לאָדשער יאָרן". ווען וואַרשע איז געפאַלן איז יאָסל אַריינגעפאָרן קיין וואַרשע צו דער משפּחה וויסנבערג געוויר ווערן וואָס זיי מאַכן. ער איז געווען אַ חסיד פון וויסנבערגס לשון. (י.מ. וויסנבערג איז געשטאָרבן אין 1938). צוריקקומענדיק אין "זאָפּיוווקע" האָט ער דערציילט, אַז די עלעגאַנטע מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס זעט אויס ווי אַ צעלעכערטער צילינדער.

די "זאָפּיוווקע" האָט פאַרנומען אַ גרויסן שטח וואַלד. קולטיווירטע גאָרטנס, אַלעען. ווו סע זענען געשטאַנען פּאַווילאָנען פאַר קראַנקע, אַרומגערינגלט מיט אַ הויכער מויער ווי אַ פעסטונג. די יידישע פּסיכיאַטרישע אינסטיטוציע איז געווען אָנגעפירט ביז 1938 פון דעם געלערנטן ד"ר פראָסטיק, וואָס יוליאַן טווים דערמאָנט אים אין זיינע בריוו. ער האָט איינגעפירט הייל־מעטאָדן דורך אינסולין־שאָקס. אַ צאָל קראַנקע זענען געווען באַשעפטיקט ביי גערטנעריי אונטער אַ קאָנטראָל. סע איז געפירט געוואָרן אַ ווירטשאַפט מיט אַלערליי מאָדערנע איינריכטונגען און מאַגאַזינען מיט לאַנג־דויערנדיקע זאַפּאַסן, אָבער קיין באַהעלטעניש און באַשיצונג איז איצט דאָס אָרט נישט געווען און יעדער האָט געטראַכט פון אַנטליפן צו די גרענעצן. די קראַנקן־שוועסטערס און פּרויען־דאָקטערס האָבן מורא געהאַט פאַר זייערע מענער וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אויף באַלדיקע סכנות, אָבער ווי קען מען איבערלאָזן די קראַנקע אויף הפקר? נישט געקוקט אויף די פאַרפאָלגונגען און דייטשע רציחות האָבן אַלע געגלויבט, אַז דאָס בייז וועט שנעל פאַרביי און וועלט וועט בלייבן וועלט, ווי

---

איצט, ווען האַרץ שוין, דאַכט זיך, קעלטיקט,
כ׳פּרווו וואַרעמען מיין וואָרט
און זיך אַליין
ביים שיין
פון יענע פרילינגס, פון די זומערס
לאַנג פאַרגאַנגענע,
וואָס שאָטענען זיך אין מיין בליק.
נאָר זיי קומען נישט צוריק
און ס׳איז ווידער האַרבסטיק.

ס'איז געווען אין די פריערדיקע יאָרן.

דאָס אַנטלויפן צו די סאָוועטישע גרענעצן איז געווען סכנותדיק. די דייטשן האָבן אָפּט געשלאָגן, געשאָסן די אַנטלויפנדיקע, די סאָוועטן האָבן צוריקגעטריבן. פון דעסטוועגן איז נישט געווען קיין ברירה. משה יאָסלס פרוי האָט אויסגעזען ווי אַ שיקסע און איך האָב מיט זיי זיך געגרייט אין וועג, און אַז מיר וועלן מצליח זיין וועט מיין פרוי מיטן קינד נאָכקומען. אַזוי איז געווען אין פאָרויס פּלאַנירט. פאַרן אַוועקפאָרן האָבן מיר זיך געזעגנט מיט קלמן ליסן, וועלכער איז געווען פאַרווונדעט פון אַ באָמבע־אויפרייס און נישט געקענט גיין אויף די פיס. וועגן זיין טראַגישן אומקום פון רוצחישע גויים האָבן מיר זיך דערוווּסט נאָך דער מלחמה.

*

מיר האָבן נישט מצליח געווען. אויפן וועג צום בוג פון דובינקע איז אונדז באַפאַלן אַ באַנדע אוקראַינער, צוגערויבט אונדזער געלט, און ווען מיר זענען אַדורך דעם בוג האָט די סאָוועטישע וואַך אונדז פאַרהאַלטן און צוריק געטריבן. טיף אין זיך בין איך געווען צופרידן פונעם דורכפאַל, מחמת דעם מורא־געפיל צו זיין אָפּגעריסן פון פרוי און קינד. פאַרן צוריק פאָרן קיין אָטוואָצק האָב איך זיך געזעגנט מיט מיין חבר; ער און זיין פרוי האָבן געוואָלט נאָך אַ מאָל פּרובירן שמוגלען די גרענעץ. איך האָב זיך מער מיט משה יאָסל סמאָלאַזש נישט געזען. לויט די קאַרגע ידיעות איז ער אין 1942 געווען אין בענדינער געטאָ און פון דאָרט אַוועקגעשיקט געוואָרן און אומגעקומען מיט זיין פרוי אין טרעבלינקע.

סאַרקע האָט זיך דערוווּסט אַז איר מוטער איז געשטאָרבן. איז זי אַוועק צו דער משפחה קיין טשענסטאָכאָוו און דאָרט פאַרזאַמט צוויי וואָכן. דורך דער צייט איז דער טעראָר קעגן יידן געוואָרן גרויזאַמער. איך געדענק: אין אַ נאָוועמבער־טאָג, פרייטיק, בין איך אַרויס אויפן אָטוואָצקער מאַרק זיך טרעפן מיט אַ באַקאַנטן חבר און געזען דריי אַרעסטירטע יידן געפירט פון אַ דייטשן פּאַטראָל. אַ פּוילישע פרוי האָט געמסרט, אַז זיי האָבן איינגעגראָבן געווער. איינער פון זיי איז געווען דער שרייבער "אורקע נאַכאַלניק". שבת אין דער פרי איז די אָטוואָצקער שיל געוואָרן פאַרברענט. די פאַראַשטע שיימעס זענען געפלויגן אין דער לופט איבערן זאַפּיוווקער וועלדעל. אין עס־צימער איז געזעסן די פרוי פון "אורקע נאַכאַלניק" און געוויינט. איר פריינדין, ראָקטער אַדלער, האָט מיר געזאָגט, אַז אַלע דריי יידן זענען דערשאָסן געוואָרן. און דאָך זענען פאַראַן כל ערליי השערות וועגן גורל פון דעם פּענאָמענאַלן שרייבער, געוועזענעם אונטערוועלטניק, "אורקע נאַכאַלניק".

*

מיין פרוי איז צוריקגעקומען פון טשענסטאָכאָוו און מיטגעבראַכט איר שוועסטער פאַליאַ. אַ גרויסע צאָל שפּיטאָל־באַדינער, דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער זענען אַוועק, און סאַרקע, ווי די הויפּט־שוועסטער, האָט זיך נישט געקענט רעצידירן לאָזן די קראַנקע אויף הפקר, און ווידער אַ מאָל האָט זי געוואָלט איך זאָל פּרובירן אַ נייעם וועג צו דער גרענעץ דורך שעמיאַטיץ קיין לונינעץ און ווי נאָר זי וועט געפינען אַ פאַרטרעטער, וועט זי מיטן קינד נאָכקומען. מיין שוועגערין, פאַליאַ, האָט מיר געגעבן אַ מיסיע איך זאָל אויסזוכן איר באַקאַנטן חבר יאַנקל ליכטנשטיין אין ביאַליסטאָק אָדער אין בריסק. זי האָט מיר געגעבן אַלערליי סימנים און דער עיקר – ער איז אַ חנעוודיקער...

דעם זעקסטן דעצעמבער 1939 אין טאָג ווען רוטקע, מיין טעכטערל, איז אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָט מיין פרוי מיך באַגלייט צום וואַרשעווער הויפּט־וואָקזאַל. אַ באַן־אַרבעטער, מיין מיט־באַגלייטער, האָט געקויפט פאַר מיר און פאַר זיך בילעטן קיין שעדלעץ. אויף דער סטאַנציע האָבן דייטשע מיליטער־לייט געווילדעוועט, געשאָסן אין אַלע זייטן און געריטשעט הייל היטלאַ - הייל היטלאַ. איך און מיין פרוי האָבן זיך מיט פאַרטייעטע מחשבות און טרויעריקן שמייכל געזעגנט. די באַן האָט זיך דערווייטערט פון מיין וועלט. נאָך צוויי טעג בין איך אָנגעקומען צו מיינע פריינד אין לוניניעץ.

2

נאָכן דורכמאַכן אַן אינטענסיוון לערער־קורס האָב איך ערב פּרילינג 1940 אָנגעהויבן מיין לערערישע אַרבעט אין אַ דאָרף־שול לעבן שטעטל קאָזשאַן גאָראָדאָק. איך האָב געוווינט ביי אַ יידישער משפחה, וואָס האָט מיך באַהאַנדלט מיט ליבשאַפט. די אַרבעט מיט קינדער איז מיר ליב געווען. מיר זענען געווען דריי יידישע לערערס, און אויך אַ ווייסרוס און אַ פּוילישער דירעקטאָר. איך בין געווען דער איינציקער פּליט און נישט געקוקט אויף דער פריינדלעכער סביבה בין איך געווען אַליין אין באַזאָרגטקייט און בענקשאַפט צו מיין משפחה. אין דער קורצער פּרילינג־וואַקאַציע בין איך אַוועק אויסזוכן מיין צוקונפטיקן שוואָגער וואָס איך האָב בלויז געקענט זיין נאָמען - ליכטענשטיין פון לאָדזש; געזוכט און געפונען אין בריסק און אים פאַרבעטן צו זיך אין דאָרף.

איך האָב כסדר אָנגעהאַלטן אַ קאָרעספּאָדענץ מיט סאַרקען. ווייזט אויס, אַז זי האָט נישט מצליח געווען אַריבערצוגיין די גרענעץ. איך האָב אויך פּראָבירט צוריקגיין מיט אַ שליח פון לעמבערג און ס'איז נישט געלונגען. ווען די בעזשענצעס האָבן געדאַרפט דעצידירן צווישן בלייבן און נעמען סאָוועטישע פּעסער, אָדער זיך רעגיסטרירן אויף צוריקפאָרן, האָב איך אויסגעקליבן די אומגליקלעכע ברירה... צוריק צו פאָרן.

*

אַ חודש צייט האָט מיין אילוזאָרישער שוואָגער פאַרבראַכט מיט מיר אין דאָרף. ער איז איצט געוואָרן מיין איינציקער קרוב אין דער פרעמד. אויך ער איז געווען אַליין און זיך געוואָלט איינרעדן, אַז מיר זענען קרובים. פון פאַך איז ער געווען אַ בלעכער און איך האָב אויסגעפונען אין אים אַ טאַלאַנטפולן קינסטלער, טויגעוודיק און פול מיט לעבן. אין אונדזער אָפטער קאָרעספּאָדענץ האָבן מיר שטענדיק אָנגעהויבן די בריוו מיט "ליבער שוואָגער", דערמאָנט אונדזער גורל־וועג און געטראַכט, אַז מיר זאָלן כאָטש זיין צוזאַמען ווען ס'וועט אויסקומען אויף ס'ניי זיך לאָזן אין וועג, אַזוי לאַנג ביז די מלחמה וועט זיך ענדיקן און מיר וועלן צוריקקומען צו אונדזערע משפּחות. אויך ער האָט זיך רעגיסטרירט צוריק צו פאָרן פון בריסק און אין אויגוסט זענען מיר ביידע מיט די צענדליקער טויזנטער פּליטים, יחידים און משפחות געוואָרן אַרעסטירט און פאַרשיקט אין לאַגערן אין די צפון־געגנטן פון קאָמי, ביז אַרכאַנגעלסק אָדער סיביר.

די רעגיסטראַציע אויף צוריקפאָרן האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ פאַסטקע ווי אַן אויסרייד פאַר דער מאַסן־פאַרשיקונג פון די מלחמה־פּליטים. די אָ פּאָליטיק איז פּראַקטיצירט געוואָרן פון דער סאָוועטישער רעגירונג אויך בנוגע אַנדערע פעלקער

און סאָציאַלע שיכטן, און ווי אַ ירושה פון די צאַרישע צייטן. פּריוויליק װעלן דאָך נישט זיין קיין בעלנים צו וווינען אין די געביטן פון קאַלטע קלימאַנטן. משפחות, יונג און אַלט זענען פאַרשיקט געוואָרן אין יענע ערטער צו לעבן און אַרבעטן אין באַגרענצטע זאָנעס. אָבער יחידים זענען אָן געריכט געשיקט געוואָרן אין תפיסות און לאַגערן באַנאַנד מיט סאָציאַלע פאַרברעכער און פּאָליטישע קעגנער פונעם סיסטעם.

איידער מיר זענען אָנגעקומען אין אוכטאַ־לאַגער פון קאָמי א.ס.ס.ר האָבן מיר געמוזט דורכגיין דעם ערשטן קרייז פון דאַנטעס גיהנום: פיר חדשים געוואַלגער אין פּי־וואַגאָנען פון תפיסה צו תפיסה, טעג און נעכט אין הונגער און שמוץ ביז מיר האָבן דערגרייכט קאָטלאַס, אַ מין געאָגראַפישער צענטער, ווו די שקלאַפן זענען צעשיקט געוואָרן אין די באַשטימטע לאַגערן. מיר האָבן זיך געפונען אין אַ געמיש פון פעלקער. פּאָליאַקן, רוסן, טאַטאַרן, קאַזאַכן, ציגיינער א.א. אין גערדענג האָבן זיך פריינד געהאַלטן צוזאַמען מיט זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע ברידער: פאָלקסמענטשן, פּראָפעסיאָנאַלן, זשוליקעס, דעגראַדירטע מלוכה־"שישקעס", פּאָליטישע טוער און גנבים, כוליגאַנעס וואָס האָבן זיך געפילט ווי ביי זיך אין דער היים. ס'זענען אויך געווען איינזאַמע וועלטן. אַ פּאָעט האָט געמורמלט פּערזן פון בייראָן אויף רוסיש, אַ זעכצן־יאָריק בחורל, אַ קינסטלער, האָט פון געזאַמלטע ברעקלעך ברויט אויסגעקנאָטן שאַך־פיגורן.

מיר האָבן אַלע אָנגעהאַלטן אַ פריינדלעכקייט. אַנטיסעמיטיזם האָט זיך נישט אָנגעזען, אַפילו די פּאָליאַקן האָבן זיך געחברט מיט די יידישע פּליטים. אין דעם רזשונגל האָבן אַלע געליטן גלייך און געחלומט איבערצוקומען די פינצטערע צייט.

די פּוילישע פאַרשיקטע באַאַמטע און די יידישע פּליטים האָבן אין זייערע אָפּגעטראָגענע מלבושים, עלעגאַנטע שיך, אויסגעזען ווי פּריצישע יורדים. די רוסישע פופייקעס זענען געווען פּראַקטישער און צוגעפּאַסט צום קלימאַט. פון הונגער און קעלט האָבן אַ סך פון אונדז אָנגעהויבן קרענקען. פּאַרקילונגען, דיזענטעריע און אַוויטאַמינאָזאַ זענען געווען אַן אָפטע דערשיינונג. אויפן וועג צום לאַגער האָבן אָנגעהויבן זיך אויסטיילן די שטאַרקע; שלעגערס, באַפעלער און מאַכערס – קאָמענדאַנטן און בריגאַדירן. די בעזשענצעס האָבן געהאַנדלט מיט זייערע אייגענע בגדים. אַ שטיקל ברויט פאַר אַ לאַטע, אַ העמד פאַר אַ ציגאַרעט, אַ פּאָר שיך פאַר אַ קילאָ ברויט. גנבה איז געווען אַ טעגלעכע רוטין. רויבערס זענען באַפאַלן די קראַנקע אויפן וועג פון דער באַלניצע צום באַראַק. אָבער אין דעם געמויזעכץ זענען אויך געווען יחידים, אויסנאַמען פון גוטסקייט און רחמנות.

פון קאָטלאַס האָט מען די שקלאַפן־מאַסע אויפגעלאָדן אין באַנען וואָס האָבן געפירט צו די אוכטאַ־לאַגערן. די לאַגערן זענען געוואָרן אָנגעפירט פון נ.ק.וו.ד. מיט דער הילף פון קאָמענדאַנטן, פאַרברעכער, פאַרמשפּטע אויף לאַנג־דויערנדיקע טערמינען. די פאַרשיקטע זענען געשלאָפן אין באַראַקן אויף האַרטע נאַרעס אין זייערע בגדים, וואָס זענען געוואָרן געפּאַרעט איין מאָל אין וואָך בעתן באָדן זיך. דאָס עסן איז באַשטאַנען פון צוויי וואַסערדיקע זופּן, אַ מאָל אויך אַ געזאַלצן פישל און אַ פּייקע ברויט לויט דעם פאַרדינסט פון דער אויסגעאַרבעטער נאָרמע. אונדזער בריגאַדע איז צוגעטיילט געוואָרן צו דער אַרבעט אין אַ ציגל־פאַבריק. נאַטשאַלסטווע האָט דערקלערט: אָטאָ דאָ וועט איר בויען אַ זאַוואָד, אָבער דערווייל וועלן אַלע אין וואַלד זעגן ביימער און פּאַר זעקס קוביק־מעטער יעדן טאָג זיך פאַרדינען אַ סטאַכאַנאָווסקע קילאָ ברויט. די נאָרמע

אַן האַק און אַן זעג האָבן צוגעשטעלט די זשוליקעס, וואָס האָבן פון די "יאָלדן" צוגעגנבעט די בעלקעס. מיר האָבן נישט געהאַט פאַר וועמען זיך צו קלאָגן.

דער גרייטער נאָמען קירפּיטשני זאַוואָד אין אַ וויסטן שנייאיקן וואַלד, וואָס דאַרף געבויט ווערן פון אומזיסטער צוואַנג־אַרבעט, איז נישט געווען קיין חידוש. לויט דער פּיאָנערישער חוזק־וויזיע זענען געווען פאַרטיקע שילדן פאַר רייכע נאַפט־קוואַלן, עלעקטראָסטאַציעס, אַגראַר־עקספּערימענטן וכדומה, אָבער די פון הונגער געשוואָלענע שקלאַפן האָבן געזען נישט מער ווי שטרעקעס גערדיכטע וועלדער איינגעזונקענע אין טיפן שניי.

איך בין געקומען אין לאַגער אַן אויסגעמאַטערטער פון הונגער און פאַרקילונג, און געאַרבעט אין וואַלד מיט אַ האַק, אָן אַן אויסבליק אויסצואַרבעטן די מינדסטע נאָרמע. און – ווער ס'אַרבעט נישט עסט נישט, און פאַרקערט.

אין באַראַק, נאָך דער אַרבעט, האָבן מיר אויפגעטייעט דעם אייז, פאַרקאָוועטן אויף אונדזערע גומע־שיך, אָפּגעגעסן די זופּ און דאָס שטיקל ברויט און זיך דערוואַרעמט די הערצער מיט אונדזערע גורל־פריינד פון פּוילן. דער צום מיינסטן באַרעדעוודיקער איז געווען משה רעכטמאַן פון אָטוואָצק, אַ פירער פון לינקע פּועלי ציון. פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז איך האָב דאָ, אין לאַגער, אַ שוואָגער – ליכטנשטיין, וואָס איז דער קוכער פון אַ טעלעפאָן־בריגאַדע, און נישט נאָר קען ער קאָכן, ער איז קיין עין הרע שטענדיק זאַט אויף אונדזער חשבון – האָט ער צוגעגעבן מיט אַ שטעכלקע. איך בין רעכטמאַנען מוחל געווען די שטעכלקע און אים געדאַנקט פאַרן אָפּגעפונענעם שוואָגער.

*

ווי פיל אַנדערע בין איך געוואָרן געשוואָלן פון הונגער און אפשר פון צופיל טרינקען וואַסער, אָבער באַפרייט אויף איין טאָג פון דער אַרבעט האָט מיך דער ראַקטער מחמת הויכער טעמפּעראַטור און שווערן אָטעם. אין באַראַק זענען געבליבן די קראַנקע און יחידים פון דער שוואַכער קאָמאַנדע.

אַ דעלעגאַציע פון אַ צווייטן לאַגער איז אַרומגעגאַנגען אין די באַראַקן ווערבירן בראַקירטע קראַנקע שקלאַפן צו אַ נייער, לייכטערער אַרבעט. "וואָלסטו געווען אַ בעלן קומען צו אונדז אַרבעטן ביי גערטנעריי?". "זיכער וואָלט איך געהאַט חשק, אָבער איך בין בכלל נישט געניט איז אַזאַ אַרבעט" – האָב איך אויפריכטיק געענטפערט דעם קאָמענדאַנט.

"דאַרפסט זיך נישט זאָרגן, מיר וועלן דיך לערנען און וועסט זיך צוגעוווינען". אין זעלבן טאָג בין איך אָנגעקומען אין נייעם לאַגער אַרבעטן גערטנעריי. דער באַראַק איז געווען ריין און וואַרעם; די אַרבעטער – געזונטע, לויטער סטאַכאַנאָווצעס, האָבן גראָד געגעסן אָוונט־ברויט, גרויסע פּאַרציעס און וואַרעם געקעכץ. איך האָב געגעסן אַ שטיקל ברויט און אַ ביסל טיי־וואַסער, זיך פּראָבירט לייגן. אויף דער האַרטער נאַרע אָן אַ קישן איז געווען שווער צו עטעמען, בין איך דורכגעזעסן די גאַנצע נאַכט.

אין דער פרי, נאָך דער זופּ מיטן געזאַלצן פיש, פירט מען די נייע בריגאַדע מיט זעגן און העק אַרויס צו דער אַרבעט. די געגנט איז געווען אַ באַרגיקע, געדיכט באַוואַלדיקט, סאָסנעס און יאָדלעס פאַרזונקענע אין טיפן שניי. דער אַגראָנאָם האָט געגעבן אַ זאַכלעכע דערקלערונג: אָט אָ דאָ, אויף דעם שטח וועט זיין אַ ריזיקער גאָרטן מיט גרינסן און אויבסט אין וואָס מיר נייטיקן זיך גאָר שטאַרק. אונדזער עובדה

וועט זיין אויסהאַקן די ביימער, פאַרברענען די צווייגן, צעזעגן אויף צוויי מעטערדיקע בעלקעס זעקס קוביק מעטער — אַ סטאַכאַנאָווסקע נאָרמע, און יעצט "רעביאַטאַ דאַווייטיע" — נעמט זיך צו דער אַרבעט. איך בין צוגעגאַנגען מיט דער האַק צו דער ערשטער סאָסנע, מיט גרויס ענערגיע אַוועקגעשאַרט מיט די פיס דעם שניי און ווי נאָר כ'האָב אויפגעהויבן די שווערע האַק איז דאָס אייזן אַרויסגעפלויגן פון הילצערנעם הענטל און נעלם געוואָרן טיף אין שניי.

פאַרנאַכט בין איך צוריקגעקומען אין באַראַק מיטן הענטל, אָן דער האַק און אָן דער נאָרמע. דערמיט האָט זיך געענדיקט מיין גערטנער־קאַריערע. דער בריגאַדיר איז גראָד געווען אַן איידעלער מענטש, זעענדיק מיין מצב האָט ער מיר געעצהט כ'זאָל זיך דערשלאָגן צום לאַגער־שפּיטאָל וואָס געפינט זיך אויף דער "פּלאָשטשאַדקע", דעם צענטער פון די אַרומיקע לאַגערן. ער האָט פאַר מיר באַשטעלט אַ בעל עגלה, וואָס האָט איינגעשפּאַנט פערד און שליטן און שפּעט אין דער נאַכט מיך געבראַכט אין הויפּט־לאַגער. מיין נייע היים איז געווען באַראַק זעקס אין אַ געזעמל פון שלעפּערס, זשוליקעס און אַלערליי קראַנקע. איך האָב זיך אַוועק געלייגט אויף דער פּאַדלאָגע, אַרויסגעצויגן די ליידיקע קעשענעס פון די הויזן, אַז די גנבים זאָלן זיך נישט דאַרפן מטריח זיין; אָבער שלאָפן האָט מען סיווי נישט געקענט מחמת דער געקריגערײַ פון די קאָרטן־שפּילער און געשאַר פון הונגעריקע מייז.

3

ווען די גלאָקן האָבן זיך צעקלונגען איבערן לאַגער איז נאָך געווען פינצטער. נאָך דער זופּ און קיפּיאַטאָק האָבן די באַראַקן געמוזט ווערן ליידיק. די מאַסן האָבן זיך געצויגן צום טויער. די וואָס זענען געבליבן אין די באַראַקן זענען געטריבן געוואָרן, און די קראַנקע זענען געשלעפּט געוואָרן ביי די פיס צו דער אַרבעט. דער וועכטער האָט געוואָרנט: ווער סע וועט גיין איין טריט רעכטס, איין טריט לינקס, בלייבן פון הינטן שטיין, וועט ווערן געשאָסן אויפן אָרט. דעם ערשטן טאָג בין איך אַוועק באַין ברירה אין וואַלד און מיט דער הילף פון צוויי חברים בין איך צוריקגעקומען בשלום. דעם צווייטן טאָג בין איך ביים טויער צוגעגאַנגען צום דאָקטער, זיך געקלאָגט וועגן מיין קראַנקייט. איך בין נישט געווען דער איינציקער. דער דאָקטער האָט אונדז נישט געקענט העלפן. ער איז אַליין געווען אַ פאַרמשפּטער אין לאַגער און געמוזט קאָאָפּערירן מיט דער ענקאַוועדיסטקע, אַ סאַניטאַר־נאַטשאַלניק. קינדער — דערקלערט אונדז דער דאָקטער — ביי אונדז מוזן געשוואָלענע און טובערקולאָזנע אַרבעטן. בלויז הויכע טעמפּעראַטור איז אַן איבערצייגנדיקע קראַנקייט.

די וווּנט זענען געווען באַמאָלט מיט געמעלן פון לאַגער־קינסטלער. די בילדער האָבן דראַמאַטיזירט פאַרשידענע טיפּן, וואָס דרייען זיך אַרויס פון דער אַרבעט, אַטקאַשטשיקעס" און "מאַרקעראַנטן". איין בילד האָט געוויזן אַ געשוואָלענעם מיט אַ שטעקן, קוים ער גייט, געענוי ווי איך. כ'האָב אַוועקגעוואָרפן דעם שטעקן, זיך דערווייטערט פון טויער און אַריין אומבאַמערקט אין קראַנקן־צימער, ווו דער דאָקטער נעמט אָן קראַנקע. די קראַנקן־שוועסטער האָט מיך באַטראַכט און צוגערופן דעם דאָקטער. אונטערזוכנדיק מיך, האָט ער טרויעריק געפרעגט פאַרוואָס איך האָב אַזוי לאַנג געוואַרט מיט דער געפערלעכער קראַנקייט. אין זעלבן טאָג בין איך געווען אין שפּיטאָל.

דער דאָקטער איז געווען אַ פאַרשיקטער פועלי ציוניסט פון מינסק, ער האָט מיך קורירט, פון קערפּער געשעפּט וואַסער, געגעבן מעדיצינען. געווען אויך אַ פריינדלעכער פּוילישער דאָקטער, וואָס האָט באַשיצט די קראַנקע. ליגנדיק אין אַ ריין בעט, ריינע וועש, דעם קאָפּ אויף אַ קישן, האָב איך געהאַט דעם געפיל, אַז איך האָב מנצח געווען דעם הפקר־רזשונגל.

אין דעם לאַגער־שפּיטאָל בין איך געלעגן דריי חדשים. אַ גרויסע צאָל קראַנקע פון אַוויטאַמינאָזאַ און דיזענטעריע זענען אויסגעשטאָרבן. אין אַ שופלאָד, לעבן בעט, האָט אַ קראַנקער פאַרשריבן די נעמען מיט אַ פּרום־קריסטלעכן "אין הייליקן אָנדענק". איך האָב אַריינגעשריבן מיט יידישע אותיות דעם נאָמען בערקאָוויץ פון לאָדזש, זשעראָמסקי־גאַס, וועלכער האָט מיך געבעטן איבערגעבן דער מאַמען וואָס מיט אים איז געשען. כ'האָב שוין זיין מאַמען נישט געפונען אוןביידן דערמאָנט אין אַ ליד א.נ. "אין לאַגער־שפּיטאָל" (אין בוך "אַ פאַסטעך אין דער פרעמד" - זייט 55).

מיין אילוזאָרישער שוואָגער ליכטנשטיין האָט זיך דערוווּסט וועגן מיר און ווען ער איז געקומען אויף דער "פלאַשטשאַדקע" נאָך פּראָוויאַנט האָט ער מיך באַזוכט אין שפּיטאָל. פון יענעם טאָג האָבן מיר זיך אָפּט געטראָפן און אונדזער קאָנטאַקט האָט אָנגעהאַלטן ביז דער אינוואַזיע פון דייטשלאַנד אויפן סאָוועטן פאַרבאַנד. אין צווישנצייט האָב איך אין זומער 1941 געהאַט אַ געלעגנהייט צו אַרבעטן אין אַ מין קולטור־קלוב פון לאַגער, אָנגעפירט פונעם "דערציער" וואָס איז פאַרשיקט געוואָרן פאַר כוליגאַנסטווע. אין קלוב האָבן געוווינט מוזיקער, אַ קינאָ־מעכאַניקער און אַרטיסטן־מאָלער. די פאַרשיקטע קינסטלער האָבן מיר איבערגעגעבן די אַרבעט פון באַשטעלטע געמעלן פאַר מלחמה־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס דער מין קונסט איז זיי נישט געווען צום האַרצן. איך האָב פון די צוויי רוסישע קינסטלער פיל געלערנט. בלויז איין מאָל האָב איך דאָרט געהאַט אַ קאָנפליקט וועגן אַ פּלאַקאַט פאַרן פילם באָגדאַן כמיעלניצקי, מחמת מיין יידישער אויסטייטשונג פון אוקראַינישן יידן־מערדער.

דער קלוב האָט אויך איינגעאָרדנט קאָנצערטן פאַר דער נ.ק.וו.ד., פאַר די פאַרשיקטע זשוליקעס, קאָמענדאַנטן און אונטערוועלטניקעס. די אַרבעטער־מאַסע איז געווען מיד, הונגעריק און פאַרמאַטערט צו געניסן פון יענע פאַרוויילונגען.

ערב דער באַפרייאונג האָב איך ביי זיך אָפּגעמאַכט צו רעגיסטרירן זיך אין דער פּוילישער אַרמיי. מיין שוואָגער האָט געוואָלט אויסמיידן דעם שריט און האָט אויסגעקליבן טאַשקענט, די שטאָט פון ברויט... איך בין סיווּי באַפרייט געוואָרן פון דער אַרמיי אין יאַנואַר 1942 און צוזאַמען מיט יידישע חברים, פּליטים פון פּוילן, געוואָרן ווערבירט צו דער אַרבעט אין קאָלכאָז - באַקלאַנעווקע, דרייסיק מייל פון קויבישעוו צווישן דער וואָלגאַ און אוראַל. צוויי יאָר לעבן אין יענעם דאָרף און צוויי יאָר אין מאַגניטאָגאָרסק זענען באַזונדערע קאַפּיטלען פון מיין גלות־רוסלאַנד.

## עפּילאָג

מערץ 1946 בין איך צוריקגעקומען קיין פּוילן; וואַרשע, אָטוואָצק, לאָדזש, טשענסטאָכאָוו, אומעטום - יידישע חורבות, פון מיין גרויסער משפחה זענען לעבן געבליבן מיין טאָכטער רוטקע, אַ פּלימעניצע - חוה, און ליזאַ, די שוועסטער פון סאָרקען. מיין שוועגערין פאָליאַ האָט מלחמה־צייט חתונה געהאַט מיט דעם שרייבער אָרנשטיין, מחבר פון בוך "חורבן טשענסטאָכאָוו". פון דעם האָט יאַנקל ליכטנשטיין

שמואל איזבאַן / ניו־יאָרק

# צווישן שאַפּ־ווענט *)

## (דערציילונג)

ערשט איצט האָט פּעלץ זיך געכאַפּט, אַז אַריבערגיין צום קנעט־טיש הייסט זיין אין אַ פרעמדן דעפּאַרטמענט. ער האָט זיך צוגעשטעלט צום געבינטל קאָנדיטאָרס וואָס האָבן באַוואָפנטע מיט שפּריץ־זעקלעך, מיט שמיר־מעסערס זיך געבויגן איבער די טישן. צענדליקער טאָרטן מיט פאַרשיידענע קרעמען, מיט געמישטע ריחות, זענען רייעסווייז געלעגן אָפּרעקאָרירט. אין שאַפּ האָט זיך באַוויזן דער באָס, דער פּוטער צעפּענט, דאָס האַלז־טיכל צוואָרפן, מיט אַ ציגאַר אין מויל. מיט איין בליק האָט ער אַרומגענומען יעדן ווינקל פון שאַפּ. דאָס פּנים האָט זיך געזויערט און די צונג האָט געוואָרפן טענות:

– שפּעט. כ'זע, דאָס גאַנצע געבינטל איז היינט שפּעט. מען איז שוין אַריינגעפאַלן מיט צוויי שעה; ווו זענען די פּאַר באַיעס! די שאָפּערס וועלן באַלד קומען נאָך די סחורה. צענעמט די זאַוויעסעס און אַרונטער מיטן פּעכער.

צו מיר קענסטו קיין טענות ניט האָבן, טשאַרלי – האָט סעם זיך אַרויסגעשטעלט – פאַרגעס ניט, אַז כ'האָב היינט געקראָגן אַ גרויסן "אָרדער" און נאָך אַ צוגאָב: פינף הונדערט "עפּל־פּאַיס".

– וואָס מאַכט דאָס אויס? – האָט דער באָס זיך געמאַכט תמעוואַטע – וואָס איז פינף הונדערט "פּאַיס" פאַר אַ מאַן ווי דו? ווי ביי אַ גוטן ייד אַ האָר אויף דער פּאה... פאַרגעס ניט, סעמקע, ביסט דאָך עפּעס אַן "אָלד־טאַימער", האָסט שוין אַ ביסל אויסגעוואָגלט איבער די אַמעריקאַנער שעפּער!

ער האָט דערטאַפּט דעם פאָטער, ווי ער דברט אַריין אין אַ נעגער, אַ העלפּער. דער נעגער האָט געשאָטן פון אַ זאַק ראָזשינקעס איבער אַ פאַן. ר' היימי האָט בשעתן ריידן איינציקווייז געוואָרפן אין מויל אַריין איין ראָזשינקע נאָך דער צווייטער מיט אַזאַ פינקטלעכקייט, ווי ער וואָלט זיי געציילט. טשאַרלי האָט זיך אָנגערופן:

– טאַטע, גיי אַריין אין אָפיס, טו מיר צוליב און זעץ זיך אַריין אין אָפיס. האַלט ניט צוריק די הענט ביי די לייט. הויבסט אָן מיט דיין קיבעצן, פאַרטשאַדעסטו דאָס גאַנצע געבינטל און הרגעסט אַוועק די צייט.

ר' היימי האָט זיך אַרויסגעמאַכט פונעם זונס הענט:

– וואַרט, ביסט נאָך מיט מיר ניט פאַרטיק. כ'וועל צוערשט אָנשטעלן די פאַסטקעס... און כ'זע ניט די פּוטער־פעסער זאָלן זיין אויסגעקראַצט. אַ ווירטשאַפט? ער שיקט מיך אין אָפיס, שיקט ער מיך! האָסט דאָרט "פלענטי" געגנוג בוכהאַלטערס אָן מיר. דאָ דאַרף מען אַכטונג געבן – האָט דער אַלטער געטייטלט מיט די פינגער... דאָ דאַרף מען זיך אַרומקוקן אויף די צעלייגערס.

דער באָס האָט זיך אויסגעדרייט צום טיש.

---

נישט געקענט ווישן. ווען ער איז געקומען קיין טשענסטאָכאָוו אויסגעפינען וועגן זיין פערעלען־פאַליאַ, און געהערט וועגן איר טראַגישן טויט, האָט ער זיך שטיל צעוויינט. איך האָב מיין ליבן וווּנדערלעכן אילוזאָרישן שוואָגער מער קיין מאָל נישט געזען.

– כ'זע, כ'וועל שוין הײנט אײך מוזן "געבן אַ הענטל". יאָ, כ'וועל שוין מוזן אײנטונקען דאָס תפילין־הענטל. איר קענט זיך ניט באַטאָן... איר טערכענט אַלע ווי די קאָטשעלאַפּעס.

– מאַך דאָס ניט, טשאַרלי – האָט מאָריס זיך אָנגערופן – די אַרבעט וועט געטאָן ווערן אָן דיר אויך.

– אוי, הרגעסט מיך אָװעק, מאָריס. ווען איך זאָל זײַן אָנגעװיזן אַ גאַנץ יאָר אויף אָט דעם "סעט" – האָט ער מיט אַ האַנט־פּאָך אָנגעװיזן אויפן גאַנצן פּערסאָנאַל – וואָלט איך שוין לאַנג געקענט לײגן די ציין אין בײטל און די הענט אויף די הויזן־האַלטערס... פאַרגעס ניט וואָס פאַר אַן אומזאַץ אַ באָס דאַרף מאַכן אין אַזאַ פּעקטאָרי דורכן יאָר. און דו האָסט שוין באַרעכנט וויפיל "פּעי" איך צאָל אויס אַ וואָך? איצט די יוניאָן שפּילט נאָך צו. ווען ניט אונדזער פּרעזידענט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געמאַכט די יוניאָנס, וואָלטן טאַקע די מאַגנאַטן געעפּנט די בײטלען און ס'וואָלט קיין קריזיס אין קאָלומבוסעס מדינה ניט געווען.

מאָריס, וואָס האָט געקענט זײַן באָס, האָט די רייד ניט אָנגענומען פאַר גערעכט. ער האָט אַרויסגעשטעלט פון דער האַנט אַ קאַן אײער און אַ לאַך געטאָן:

– טשאַרלי, שטענדיק טשעפּעסטו זיך צו דער יוניאָן.

דער באָס האָט זיך פאָרזיכטיק אַרומגעקוקט, צי קײנער שטײט ניט הינטער די פּלײצעס, דערנאָך האָט ער געשטעלט אַ טריט פאָרויס און אַ זאָג געטאָן מאָריסן אויפן אויער:

– דיר מעג איך דאָך זאָגן דעם אמת. כ'האָב זיי אין דר'ערד, די יוניאָנס.

מאָריס האָט זיך שטאַרקער צעלאַכט, טראַכטנדיק: "זיי האָבן דיך אויך ניט אין קיין שויבן־שענקל". ער האָט געוווּסט פאַרוואָס טשאַרלי טראָגט אַזאַ שנאה צו די יוניאָנס. זײַן שאָפּ, וווּ מען פלעגט מיט יאָרן צוריק אַרבעטן נאָכאַנאַנד צו פערצן שעה, איז איצט אָפּגעהיט, שטײט אונטער דער יוניאָן־קאָנטראָל. מען אַרבעט אַכט שעה. מען נעמט העכערע שכירות, טאָ פאַרוואָס זאָל ער זײַן צופרידן?

מאָריס האָט אַראָפּגעכאַפּט די ברילן, איבערגעווישט און גיך זיי צוריק אָנגעזאָטלט אויף דער נאָז. ער האָט אָנגעשטעלט די אויגן פאַרגאַפּט און דאָס קול איז אַרויסגעקומען תמעוואַטע:

– כ'זע ניט, וואָס פאַר אַ שלעכטס די יוניאָנס ברענגען פאַר אַמעריקע.

דער באָס, וואָס האָט פּונקט אַזוי געשמאַק ליב געהאַט צו ריידן, ווי ער האָט ליב געהאַט אונטערצוטרײבן די אַרבעטער, איז איצט שטיל געבליבן. ער האָט געוווּסט, אַז מאָריס איז אַ "בלאַטער" יונג, ער וועט קײנעם גאָרניט אונטערטראָגן, מען קען אין אים אַרײַנצײלן וויפל ס'לאָזט זיך. די לענגלעכע נאָז איבערן שמאָלן פּנים האָט זיך אײנגעצויגן. די אויגן אויסגעזעצט און די גאַנצע העויה האָט געמײנט נײַן מאָל ביטול און חוזק.

ער האָט זיך געלאָזט צום וואַש־צימער.

– כ'וועל זיך נאָר איבערטאָן, מאָריס. וואַרט, לאָמיר נאָר "אַראָפּשאָקלען" פון טיש די פּאָר מאַשינען מיט קאָפּע־שטרודלען, וועל איך ריידן מיט דיר וועגן דעם... מיר וועלן ריידן.

פון דערווײַטנס, פון יענער זײַט טיש, האָט פּעלץ אויפגעכאַפּט דעם שמועס. און ווי ער איז געווען פאַרטאָן מיט זיך, מיטן אַרום און ניט געוואָלט אָפּרײַסן די חושים קיין

אין ווײַלע פֿון דער אַרבעט, האָט ער פֿון דעסטוועגן זיך צוגעהערט צו יעדן וואָרט. אין קעשענע האָט געבריט דער בריוו, האָט געמאָנט הילף. ווערטער, שורות האָבן זיך אויסגעשטעלט, האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין בריקן. אָקעאַנען זענען אײַנגעלאָפֿן, ימען האָבן אויסגעטריקנט, און יענע זײַט לאַנד איז געוואָרן אַזוי נאָענט. פֿונעם לאַנד האָבן זיך געטראָגן קולות, געשרייען וואָס האָבן געזוכט רעטונג, געזוכט אַן אויסוועג פֿון דער פֿאַרשפּאַרטקייט. פּעלץ האָט געזען דעם פֿאָטער, ווי ער שפּרייזט מיט פֿאַרבראָכענע הענט צווישן די אייגענע פֿיר ווענט, ווי אין אַ שטייג. ער האָט געזען די מוטער, אַ צוזאַמענגעפֿאַלענע. און אין ביידנס אויגן צער, דערוואַרטונג נאָך אַ בשורה פֿון דעם נייעם לאַנד.

פּעלץ האָט זיך אַרומגעקוקט. ער האָט געהאַט אויף זיך טאָנים אויגן. דער בליק איז געהאָנגען איבער אים ווי אַ בייטש. און דאָס אַמפּערן זיך, וואָס איז געקומען פֿון יענער זײַט שאַפּ, האָט זיך אויך געלייגט שווער איבער די אויערן. עס האָט געקלונגען ווי קאַמף־דערקלערונגען. און דער אומרו, אַז ס'קען עפּעס אין שאַפּ אויסברעכן, האָט אַוועקגענומען ביי אים די זיכערקייט, וואָס ער האָט געטראָגן מיט זיך, ביים אַראָפּטרעטן אויף דער אַמעריקאַנער יבשה.

ס'האָט זיך אָנגערוקט די שעה פֿון "לאָנטש". די אַרבעטער האָבן גענומען שלעפּן די פּעקלעך עסנוואַרג פֿון דעם קיל־צימער. טייל האָבן זיך געזעצט אויף די אַרבעט־טישן, טייל אויף איבערגעדרייטע פֿעסלעך. דער באָס, אין אַ ווייסן פֿאַרטוך, אָן אַ קנייטש, אָן אַ פֿעלדל, אין אַ ווייס געפּרעסט מיצל – האָט פֿאַרנומען דעם אויבן־אָן. ער האָט אויפֿגעוויקלט אַ פּאַפּיר, האָט אַרויסגענומען אַ קעז־סענדוויטש. ער האָט צעשניטן אַ פֿאַרפֿרוירענע, זאַפֿטיקע טאָמאַטאָ און איידער ער האָט געגעבן דעם ערשטן ביס, האָט ער אויסגעזוכט מאָריס אויער און זיך צערעדט:

– דו פֿרעגסט, צי די יוניאָן האָט געבראַכט שלעכטס אין אַמעריקע? וואָס דען, גוטס האָט זי געטאָן? נעם אָט דעם "גרינעם" – האָט ער אַ ווייז געטאָן אויף פּעלצן, וואָס איז געזעסן אין אַ ווינקל און געקייט זײַן סענדוויטש – אַ מאַן געשיקט פֿון דער יוניאָן, וואָס? און ווייסט זען, כ'וועל אים מאָרגן זאָגן אַ פּרייז, ער זאָל קענען מאַכן אַ לעבן, וועט אים די יוניאָן ניט הייסן גיין אַרבעטן. און פֿאַרגעס ניט, דאָס איז אַ פּליכטלינג, וואָס קומט פֿון דייטשלאַנד, פֿון אַ לאַנד, וווּ מען מוז שטיין אין אַ "לאַין" נאָך ברויט. אָט וואָס עס טוט די יוניאָן! און דו, מאָריס, ביסט דאָך עפּעס אַן "אָלד־טאַימער", געדענקסטו ווען ס'איז בעסער געווען אַ בעקער, היינט אָדער מיט צען יאָר צוריק, ווען ס'איז פֿון אונדזער יוניאָן קיין זכר ניט געווען? דעמאָלט האָט דאָך אַ קעיק־בעקער געלעבט ווי אַ קעניג, אַ היים געבראַכט דעם ווייב יעדע וואָך הונדערט מיט פֿינף און צוואַנציק טאָלער. דירה־געלט איז געווען ביליג, לעבנס־מיטל ביליג. ס'געלט האָט מען געשפּאָרט צוזעצטערהייט. די בייכער האָבן געפּלאַצט. די באַנק־ביכלעך זענען געוואָרן געשוואָלן. און היינט וואָס האָסטו? – האָט דער באָס אַרויסגעלייגט דעם ביסן פֿון מויל און גענומען שרייען אויף אַלע ציינער – האָסט דעפּרעסיע, קריזיס, רעליף. האָסט ס' מוטער, אַ צוזאַמענג אויף מאָריסן זענען די קולות געפֿאַלן ווי קוילן, וואָס רויכערן, וואָס יאָגן אָן אַ טשאַד. פֿון יעדן וואָרט האָט אַרויסגעשריגן אומרעכט. ביי אים האָט זיך געקליבן אַ קנויל מיט רייד אָפּצוענטפֿערן. די מורא צו שטרייטן מיטן באָס האָט אים צוריקגעהאַלטן. ער האָט ווייטער געפּרוווט האַלטן וואָך די אויגן אויף טשאַרלין און דער בליק איז געוואָרן אונטערטעניק.

סעם, וואָס האָט זיך ניט געלאָזט שפּייען אין באָרשטש אַריין, וואָס האָט גוט געקענט יעדעס געגגל, יעדן "טריק" פונעם באַלעבאָס, איז אויך געווען גוט אויסגעבונדן מיט יעדער פּאַסירונג אין שאַפּ. ער האָט געדענקט ווי טשאַרלי האָט זיך אַרויפגעאַרבעט; ווי פון צוויי אַרבעטער מיט איין שלאָג־מאַשין, איז אויפגעוואַקסן אַ "מעט" פון זעכציק לייט מיט דינאַמאָס, מיט מאָטאָרס, וואָס לויפן טאָג און נאַכט. ער האָט געדענקט ווי טשאַרלי אַליין האָט געאַרבעט אַלס שיק־ייִנגל ביי יענעם, ווי ער האָט געקעמפט פאַר גרעסערן לוין. און איצט?

סעם האָט אויפגעהערט צו גריזשען דעם גערויכערטן הערינג. ער האָט צוזאַמענגעשאַרט די שאָלן פון אַ געבראָטענעם קאַרטאָפל און זיך אַ פּאַטש געטאָן אין די הענט אַריין:

– די הויזן זאָל מען פאַרזעצן און אַ באָס זאָל מען זיין!

– ער איז דאָ, דער "פּאַיטער" – האָט טשאַרלי אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט־פלאַך איבער דער קני – דו, סעמקע, ווילסט דאָך זיך שטענדיק שפּאַרן!

– אייביק וועל איך זיך מיט דיר שפּאַרן! מען מוז זיך מיט דיר שפּאַרן!

– ווייל כ'בין אַן אָפּענער מענטש? ווייל כ'שפּיל זיך ניט אין באַהעלטענישן? ווילסט מיר איינרעדן, אַז דער סטרייק פּאַראַיאָרן איז מיר געקומען? און ווער זענען דאָס געווען די "דעלעגאַטן", וואָס האָבן די לייט אַרויסגעשלעפּט פון שאַפּ אין מיטן דער אַרבעט? נאָטע טראָמבעניק, מאָטל צלאַפּעק, אַליין געוועזענע סקעבס – האָט טשאַרלי אויסגעפּלאַצט.

– האָסט דעם סטרייק כשר פאַרדינט! – האָט סעם גיך אָפּגעענטפערט, ווי ער וואָלט ניט צום באָס גערעדט, נאָר צו אַן אַרבעטער, אַ סקעב.

דער באָס איז שטיל געבליבן. ער האָט זיך ערשט געקליבן אַריינצוציילן סעמקען... די נאָז, דער שטערן זענען געוואָרן ווייס. און ווי ער האָט געהאַלטן אין זאַמלען ווערטער, איז פון אָפּיס אַריינגעקומען הײמי, אַן אָנגעפּעלצטער, אין די קאַלאָשן, גרייט צום אַוועקגיין. מיט אַ צעקנייטשטער העויה האָט ער אָנגעשטעלט אַן אויער, וועלנדיק אויפכאַפּן אַ וואָרט, אַ קול. און אַז קיינער האָט זיך גיט אָנגערופן, האָט ער אָנגעהויבן:

– איידער איר טוט ווייטער אַרגומענטירן, וויל איך אייך דאָ דערציילן אַ געשיכטע. מעגסט אויסהערן, סעמקע. און דו, מאָריס, אויך. און דו, פּליכטלינג – האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו פּעלצן – רוק זיך צו נענטער. מעגסט צולייגן קאָפּ. אַזעלכע שמועסן וועלן דיר העלפן זיך שנעלער אויסגרינען... איין מאָל איז צו אַ ייִדישן אַרענדאַר אין דאָרף פּלוצים געקומען צו פאָרן דער פּריץ. דאָס האָט ער געהאַט אונטערגענומען אַן אומגעריכטן שפּאַציר איבער זיינע גיטער. דער אַרענדאַר, דערזעענדיק ביי זיך אין קרעטשמע אַזאַ געהויבענעם גאַסט, האָט ער אָנגעגרייט פאַר אים מכל טוב, די בעסטע מאכלים: לאָקשן, פלייש, טייערן וויין. אַז דער פּריץ איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער סעודה, האָט ער אַ רוף געטאָן דעם אַרענדאַר: "און וווּ זענען די פיש? ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב ייִדישע פיש". "פיש? – האָט דער אַרענדאַר געהויבן מיט די פּלייצעס – ס'איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן". – "שמייסן!" – האָט דער פּריץ באַפוילן אַ בייזער דעם עקאָנאָם. מ'האָט דעם אַרענדאַר אַריבערגעלייגט איבערן קלאָץ און אַריינגעציילט מלכות.

אַז דער אַרענדאַר פון צווייטן דאָרף האָט געהערט וועגן די שמיץ, האָט ער זיך גענומען אויף גיך פּאָרען. ער האָט אויך אונטערגעיאָגט דאָס ווייב און מען האָט צוגעגרייט אַ מאָלצייט כיד המלך און מיט ייִדישע געפּעפּערטע פיש אויך. ווען דער

פריץ האָט זיך געהאַט גוט אָנגעפּרעסן, האָט ער צוגערופן דעם אַרענדאַר: "און ווו איז דער צימעס? ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב צימעס!" "צימעס?" – האָט דער ייד געהויבן מיט די פּלייצעס – ס'איז מיר גאָרניט איינגעפאַלן". "שמייסן!" – האָט דער פּריץ באַפוילן.

ווען דער אַרענדאַר פון דריטן דאָרף האָט זיך דערוווסט פון די שמיץ,, האָט ער געוואָלט פאַרמיידן דעם בזיון. ער האָט שוין ניט געקאַרגט קיין זאַך. און צו דער באַשטימטער שעה, ווען דער פּריץ איז אָנגעקומען, איז געווען געגרייט אַ טיש מיט מעדני־מלך. אַפילו פיש מיט צימעס אויך. אַז דער פּריץ האָט שוין געהאַט אָנגעפּאַקט דעם בויך אַזוי, אַז ער האָט זיך ניט געקענט רירן, האָט ער ווידער אַ מאָל צוגערופן דעם אַרענדאַר: "און ווו איז דער קוגל? ווייסט דאָך, אַז איך האָב ליב אַ לאָקשן־קוגל!" – "אַ קוגל? – האָט דער ייד זיך געחידושט – ס'איז מיר אַפילו אויפן זינען נישט געקומען!" "שמייסן"! – האָט דער פּריץ ווידער באַפוילן.

דער אַרענדאַר פון פערטן דאָרף, הערנדיק וועגן די שמיץ וואָס דער פּריץ טיילט איין אין יעדער קרעטשמע, ווו ער שטעלט נאָר אַריין אַ פוס, איז געפאַלן אויף אַ המצאה. ער האָט קיין זאַך ניט צוגעגרייט. אַז דער פּריץ איז געקומען און ניט געטראָפן קיין געדעקטן טיש, האָבן פון חידוש די אויגן ביי אים אַרויסגעזעצט פון די לעכער: "וואָס איז דאָס, מאָשעק?"

"אדוני פּריץ!" – האָט דער אַרענדאַר זיך פאַרנויגט – כ'האָב געהערט וועגן די וויזיטן וואָס דו שטעלסט אָפּ אין יעדן דאָרף און ווי פיין דו פירסט זיך דאָרט אויף. גיט מען דיר פיש, הייסט דו דערפאַר שמייסן. גיט מען דיר צימעס, הייסטו שמייסן. גיט מען דיר לאָקשן־קוגל, הייסטו ווידער שמייסן... זע איך דאָך, אַז דו מיינסט ניט די סעודה, נאָר מיינסט טאַקע דאָס שמייסן. טאָ נאַ, אָט האָסטו און שמייס! כע-כע-כע".

היימי האָט זיך אַזוי פאַרקייכט פונעם אייגענעם וויץ, אַז טרערן האָבן אים געקאַפּעט פון די רויטע אויגן. און אַז דאָס געלעכטער האָט אָנגעשטעקט דעם באָס און די אַרומיקע, האָט ער ווידער אַ מאָל זיך געווענדט צו סעמען און צו מאָריסן:

– די זעלבע זאַך מיט אייער יוניאָן. זיי מיינען דען די סטרייקס? די הויכע וועידזשעס, די אַכט שעה אַרבעט? צו טומלען מיינען זיי, צו שמייסן דעם באָס, אָט וואָס זיי מיינען!

די אַרבעטער זענען אַראָפּ פון די טישן. אַ נעגער, קנאָכיק און שפּיציק, האָט צוזאַמענגענומען די רעשטלעך שפּייז און עס געוואָרפן אין אַ ליידיקן פאַס.

היטערווייַלעכץ האָט זיך צוגערוקט טאָני. דער בליק אין זיינע אויגן, ווי ביי אַ הונט ווען ער לייגט זיך פאַרן באַלעבאָס. אויפן פעטן פנים האָט געגליווערט אַ שטומע העויה.

– וואָס זאָגסטו, באַמבינאָ? – האָט דער אַלטער היימי ביי אים אָפּגעמאָסטן דעם שמאַלץ־גוידער, די בינטלעך פעטס אַרום קאַרק און דעם בויך־זאַק – וואָס זאָגסטו, זויג־בייבי?

– דער גרינער, דער "מאַקי"! – האָט טאָני געוואָרפן מער מיט די ברעמען, איידער מיט די אויגן, ניט אויסדרייענדיק ס'פּנים אין דער זייט פון פעלצן – ווילסט דאָך וויסן, ווי אַזוי ער אַרבעט? צו לאַנגזאַם. ער גיט זיך ניט קיין שאָקל. ער איז גוט פאַר אַ קליינע בעקעריי, אָבער ניט פאַר קיין אַנגראָ־פּלאַץ.

-דו שאַפּ־ברודער מיינער! ביסט דאָך עפּעס אַ יוניאָן־מאַן! ווער פרעגט דיך? – האָט היימי זיך צעשריגן – ס'איז דאָ אַ באָס אין שאַפּ, ער זאָל זיך אַרומקוקן. דו ווייסט דאָך

ווי די גמרא זאָגט – איז ער איבערגעגאַנגען צום איטאַליענער אויף יידיש – רופא כל בשר ומפליא לעשות, דאָס מיינט: זיי ניט קיין מסור און דערציייל ניט קיין מעשיות...

דער באָס איז צוגעקומען און אַריינגערעדט אינעם פּאַטער:

– מיינסט, נאָר דער "לאָקש" וויל אַרויסבייסן דעם פליכטלינג? ווי דו קוקסט אָן דעם "חושך" דאָרט – האָט ער אָנגעוויזן אויף אַ נעגער, אַ פּאַנען־פּוצער – קען ער אויך ניט באַשטיין... זיי פאַרגינען ניט אַ נייעם מענטש, וואָס קומט אַריין אין שאַפּ...

סעם, מיט אַ פּאָר פאַרמעלטע הענט, די ווייסע מיץ אַראָפּגערוקט טיף איבערן קאָפּ, ווי אַ ווייבערישע שלאָף־קעפּקע, איז צוגעקומען צום באָס.

– זיי וועלן שוין פאַרגינען די שאַפּ־ברידער. און ניט בלויז פאַרגינען וועלן זיי, נאָר צאָלן וועלן זיי אויך פאַר די פליכטלינגען.

– וואָס מיינסטו, צאָלן? – האָט דער באָס אים אָנגעקוקט.

סעם האָט זיך אָפּגעווישט די פאַרמעלטע הענט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ לאַנגן קאָנווערט. פון דעם קאָנווערט האָט ער אַרויסגענומען אַ בויגן פּאַפּיר, איינגעלייגט אויף פיר און עס אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש.

– אונדזער לאָקאַל האָט צוגעשיקט אַ זאַמלונג־ליסטע פאַר די פליכטלינגען פון דייטשלאַנד. איצט יוניאָן־ברידער, עפנט די בייטלען!

פון אַלע ווינקלען אין שאַפּ האָבן זיך דערנענטערט אַרבעטער און נייגעריקע גענומען באַטראַכטן די ליסטע. סעם האָט זיך איינגעקוקט אין די צוגעקומענע. ער האָט אונטערגעשטופּט יעדן איינעם צו דער נאָז די ליסטע, זוכנדיק בשעת מעשה, ביי וועמען קעגנערשאַפט, ביי וועמען צושטימונג.

אַ גריך, אַ פּאָרטוגעזער, אַ פּאָליאַק, אַ שפּאַניער – אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט. זיי האָבן פאַרגעסן, אַז זיי קומען פון פרעמדע לענדער, אַז זיי קערן זיך ניט אָן מיט דער יידישער קאַטאַסטראָפע. דער פאַרדאַכט, אַז היינט־מאָרגן קען מען ווערן שותפים צום אומגליק, האָט פאַרטריבן די גלייכגילטיקייט. און קולות זענען געפאַלן:

– איך גיב פינף דאָלאַר!

– איך גיב צוויי!

– און איך דריי!

סעם האָט אַרויסגענומען אַ בלייפעדער און מיט דער פּינקטלעכקייט פון אַ בוכהאַלטער פאַרצייכנט די נעמען און סומעס פון די בייסטייערער. פון דער זייט איז געשטאַנען טשאַרלי, דער באָס און אַן אָנגעקוואָלענער, האָט ער אָנגעצונדן אַ פרישן ציגאַר.

חיימי, וועמען ס'איז הייס געוואָרן פון דערציילן די מעשה מיטן פּריץ, האָט צוריק געעפנט דעם פּאַלטאָ, אַראָפּגעוואָרפן די קאַלאַשן און איז גרייט געווען דאָ צו שטיין אַ גאַנצן טאָג. ער האָט געשעפּט נחת פון די גוֹיים, וואָס נעמען אַ חלק אין יידישע צרות, וואָס טראָגן טאָלערס פאַר פּליטים. ער האָט צוגעקנאַקט מיט די פינגער:

– האָרי אָפּ! אַ טאָלער צו אַ טאָלער און ס'קלייבן זיך ממתקים!

ביי די שווענק־קראַנקען איז געשטאַנען טאָני מיט אַ שפּריץ־זאַק אין האַנט, די אָנגעבלאָזענע באַקן צעפּלאַקערט און ער האָט אַריינגערעדט אין דעם ליטווינער שימקעס:

– זאָלסט ניט געבן קיין סענט!

– וואָס? – האָט שימקעס, וואָס האָט זיך ניט קעגנגעשטעלט קיין זאַך, וואָס האָט

שטענדיק געטאָן אַלץ, וואָס שאַפּ־ברידער הייסן, זיך איבערגעפּרעגט.

– איך גיב אויך ניט. מען דאַרף ניט שטיצן די פּליכטלינגען.

– זיי זענען זיך שוין אָנגעלאָפן צופיל אין אַמעריקע – איז דזשים, אַ נעגער מיט אַן אייזערנעם שפּאַכטל אין האַנט, צוגעקומען.

– און זיי וועלן פאַרכאַפּן אונדזערע דזשעבס אויך!

– ווער?

– די פרעמדע!

– און ווער ביסטו? – האָט דער שפּאַניער זיך צוגערוקט צו טאָניִן.

– איך בין געבוירן אין אַמעריקע! – האָט טאָני זיך געקלאַפּט אין האַרצן אַריין.

– און דיין טאַטע?

– ער איז געקומען פון איטאַליע.

– איז ער ניט קיין פרעמדער?

– אַ פרעמדער! אַ פרעמדער! – האָבן זיך געהערט שטימען.

– אַמעריקע איז אויסגעבויט געוואָרן פון פרעמדע.

– קאָלומבוס אַליין איז געווען אַ פרעמדער!

בשעת אין רעדל האָט זיך געטומלט, האָט פּעלץ זיך גענומען שאַרן צום טיש. ער האָט געוואָרפן אַ בליק אויף סעמען, אויפן באָס און אַ נייגעריקער געוואָלט וויסן, וואָס דאָ וועט אַרויסקומען. אַ געערגערטער האָט ער געקוקט, ווי טייל שאַפּ־ברידער קווענקלען זיך צו געבן זייער ביישטייערונג. און פאַרוואָס העצט אַזוי טאָני?

ער איז האַסטיק צוגעגאַנגען צו סעמען און אויסגערופן:

– איך גיב אַוועק מיין גאַנצע וואָך וועידזשעס!

סעם האָט אָפּגעמאָסטן פּעלצן פון קאָפּ ביז די פיס, און אַז די פאַרוווּנדערונג איז פאַרביי, האָט ער זיך אויסגעדרייט צום דייטש, צום נאַצי, און אַ פרעג געטאָן:

– און וויפל גיסטו, פריץ?

– איך גיב גאָרנישט!

– ווילסט ניט העלפן די פּליכטלינגען?

– דאָס אַנטלויפן פון דייטשלאַנד וועט זיי ניט לייכטער מאַכן!

– פאַרוואָס?

– אַמעריקע איז די לעצטע פעסטונג!

סעם האָט זיך אָפּגערוקט פון פריצן, ווי פון אַ מצורע.

פּעלץ איז נענטער צו אים צוגעקומען. ער האָט צוריקגעשטויסן דעם פרעכן שמייכל. דער שפּריץ אין פריצס בליקן איז געווען שפּיציקער, שטעכיקער, פול מיט שנאה.

ביידע האָבן זיך פאַרמאָסטן מיט די אויגן.

פון איין זייט איז געשטאַנען דער פּליכטלינג, פון דער צווייטער זייט – דער דייטש, דער נאַצי. ביידע האָבן אַרויפגעטראָטן אויף דער אַמעריקאַנער ערד. ביידע האָבן געזוכט זיך דאָ איבערצופלאַנצן, צו קלאַמערן זיך אָן דעם נייעם באָדן און צו געפינען שוץ צווישן די הויכע, זיכערע שאַפּ־ווענט.

---

*) סוף פון פאַבריקן נומער.

בעבע לעווענטאַל

# ווילנע - מיט 50 יאָר שפּעטער

געווען אַ מאָל אַ וווּנדערשטאָט אויף אַ באַרג, אַרומגערינגלט מיט וועלדער, טאָלן און אָזיערעס, און אַ טייך איז געפלאָסן אין מיטן. גערופן האָט מען דעם טייך וויליע, און די שטאָט האָט געהייסן ווילנע. און מיר האָבן דאָרט געלעבט. עס איז געווען אונדזער היים. עס איז געווען די היים פון יידישע מענטשן זינט 1490, ד.ה. מער ווייניקער זינט קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אַמעריקע. יענע שטאָט איז מער נישטאָ. זי עקזיסטירט בלויז אין אונדזער דמיון.

...מיטן לויף פון דורות און יאָרהונדערטער איז ווילנע געוואָרן אַ צענטער פון יידישער קולטור, פון יידישן לערנען, פון מסחר און מלאכה און איז באַרימט געוואָרן אין דער וועלט ווי ירושלים ד׳ליטע.

אָבער ווילנע איז געווען נישט בלויז אַ יידישע שטאָט. יידן האָבן בלויז באַטראָפן איין פערטל, אָדער אַ דריטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג. אָפּהענגיק פון דעם היסטאָרישן פּעריאָד איז די שטאָט געווען אַ מאָל רוסיש, אַ מאָל פּויליש און, ווי היינט צו טאָג - ליטוויש. און יעדע קולטור האָט געלאָזן איר חותם: די פּוילישע קירכעס, די רוסישע סאָבאָרן, די פּרעכטיקע פּאַרקן, די שמאָלע זאַווולקעס, און דער טייך וואָס איז דאָ שטענדיק געווען.

די יידישע באַפעלקערונג האָט אויסגעדרויערט דורך די יאָרהונדערטער. געווען גוטע צייטן און שלעכטע צייטן. מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז ווילנע איז נישט געווען קיין רייכע שטאָט. מענטשן האָבן זיך געמוזט ראַנגלען פאַר פּרנסה. אָבער די יידן האָבן ליב געהאַט זייער שטאָט. עס איז געווען אַ לעבהאַפטע שטאָט מיט אַן ערך הונדערט שילן, חדרים, ישיבות, יידישע און העברעישע שולן, אַ יידישער לערער-סעמינאַר, מוזיק-שולן און אָן אַ שיעור יידישע אָרגאַניזאַציעס און פּאָליטישע פּאַרטייען. איבער אָט די אַלע אַקטיוויטעטן האָט געוואַכט די קהילה.

אַזוי איז עס געווען ביז צום אויסברוך פון דער צווייטער וועלט-מלחמה, וואָס איז געווען דער אָנהייב פונעם סוף פון יידישן לעבן אין ווילנע און אין די אַרומיקע שטעטלעך. געלעבט האָבן אין ווילנע צו יענער צייט איבער אַכציק טויזנט יידן. ס׳האָט גענומען אַן ערך פיר יאָר פאַר די דייטשן און זייערע מיטהעלפערס אומצוברענגען כמעט אַלע. די רעשטלעך לעבן-געבליבענע ווילנער יידן זענען היינט פונאַנדערגעשפּרייט איבער דריי קאָנטינענטן.

דעם 23־טן און 24־טן סעפּטעמבער 1943 איז דורכגעפירט געוואָרן די ענדגילטיקע ליקווידאַציע פון ווילנער געטאָ. אָט די דאַטע, וואָס האָט פּאַקטיש אָפּגעשלאָסן 500 יאָר יידיש לעבן אין ווילנע, וועט אויף שטענדיק פאַרבלייבן אין מיין זיכרון און אין זיכרון פון די אַלע, וואָס האָבן איבערגעלעבט יענע צוויי שרעקלעכע טעג. צום אָפּמערקן דעם 50־טן יאָרטאָג פון דער טראַגישער דאַטע איז זיך צונויפגעקומען אין ווילנע די שארית הפליטה פון אַלע וועלט-עקן.

איבער 350 מיט ניסים לעבן-געבליבענע ווילנער יידן זענען געקומען פון ישראל, אַמעריקע, קאַנאַדע, פראַנקרייך, שוועדן, דרום-אַפריקע, ענגלאַנד און אויסטראַליע. אַ סך זענען געקומען מיט זייערע קינדער און אייניקלעך. מיר האָבן זיי געוואָלט ווייזן פון

וואָנען מיר שטאַמען, ווו אונדזערע וואָרצלען זענען, אָבער לײַדער איז איצט די שטאָט בלויז אַ שאָטן פֿון דעם, וואָס זי איז געווען. אמת, ווילנע איז נאָך אַלץ צוציענדיק. פֿאַראַן אַ סך פֿאַרקן, ביימער און גרינס. אָבער ווען דו קוקסט זיך צו נעענטער זעסטו פֿיל רואינען. דאָס איז דער טייל ווו מיר אַלע האָבן אַ מאָל געלעבט און וואָס רופֿט זיך איצט "אַלטשטאָט". זייער ווייניק איז דאָ געטאָן געוואָרן, אַלץ איז פֿאַרנאַכלעסיקט. אַ נייע שטאָט איז אויפֿגעקומען אַרום דעם אַלטן טייל. אַלע פֿאָרשטעט זענען איצט פֿאַראייניקט מיט ווילנע: זווערינעץ, אַנטאָקאָל, פּאָספּיעשק א.ד.גל.

ס'איז מאָדנע: דו גייסט איבער די גאַסן און דו זעסט נישט קיין סימן פֿון יידישקייט. די פֿנימער, אין וועלכע דו קוקסט זיך איין, זענען נישט שטענדיק פֿריינדלעך...

דאָס געוועזענע געטאָ זעט אויס אַזוי ווי מיר געדענקען עס: שמאָלע געסלעך, נאָר אָן מענטשן. טיילן פֿון דעם איז שווער צו דערקענען, ווייל זיי ווערן איבערגעבויט. צוויי שילדלעך זענען געוואָרן אויפֿגעהאָנגען צו דערמאָנען ווו דאָס געטאָ איז געווען. איינס איז אויף אַ הויז נעבן דער קירכע "פֿון אַלע הייליקע",ביים געוועזענעם געטאָ־טויער, וויינענדיק אַ מאַפּע פֿון די געטאָ־גאַסן. דאָס צווייטע שילדל איז אויף דער אויסערלעכער וואַנט פֿונעם יודענראַט (אויף רודניצקע־גאַס). ביידע אויפֿשריפֿטן זענען אין יידיש און אין ליטוויש. אגב, וועגן די אויפֿשריפֿטן - מאַדייסקערישע, די גאַס אויפֿן נאָמען פֿון סאָניע מאַדייסקער, די באַוווּסטע יידישע פּאַרטיזאַנער־פֿירערין, איז מער נישטאָ. איצט האָט די גאַס אַ ליטווישן נאָמען.

וואַנדערנדיק איבער די געטאָ־געסלעך איז מיר שווער געווען צו גלייבן, אַז איך האָב דאָרט אַ מאָל געוווינט. ס'איז מיר שווער געווען צו באַנעמען, ווי אַזוי אַזוי פֿיל טויזנטער מענטשן האָבן זיך געקאָנט אַריינקוועטשן אין די זיבן שמאָלע געסלעך. איצט זעען אויס די דאָזיקע געסלעך איבערפֿולט אַפֿילו אָן מענטשן. איך האָב געטראַכט: ווען די געסלעך, די הייזער, די שטיינער, וואָס זענען געווען עדות פֿון אַזוי פֿיל מענטלשעכע טראַגעדיעס, וואָלטן געקאָנט רעדן, וואָס וואָלטן זיי דערציילט?

געקומען זענען מיר אָבער קיין ווילנע נישט צו הערן די שטיינער, נאָר צו אַן אזכרה. מחוץ די אָפֿיציעלע צערעמאָניעס זענען טייל פֿון אונדז אַוועק צו ערטער פֿון פּערזענלעכן אינטערעס. איינע זענען געפֿאָרן קיין פּאָדבראַזש און סווענציאַן צו זוכן זייערע היימען און אפֿשר געפֿינען פֿריינד און שכנים וואָס האָבן געהאָלפֿן אין די שרעקלעכע יאָרן. איך מיט מיין משפּחה בין אַוועק קיין טראָק און וויערעק, ווו כ'בין געווען אַ געוויסע צייט בעת דער מלחמה.

די ליטווישע רעגירונג און פּרעזידענט בראַזאַוסקאַס זענען געווען זייער בייהילפֿיק. נישט אַזוי דאָס וועטער. ס'האָט מערסטנס גערעגנט און ס'איז געווען קיל. נישט אַזוי האָב איך געדענקט די זוניקע זומער־וואַקציעס, און אפֿשר האָב איך פֿאַרגעסן...

מיר האָבן אויך באַזוכט קאָוונע, דעם אָרטיקן געטאָ און דעם 9־טן פֿאָרט, ווו ס'זענען אומגעבראַכט געוואָרן די קאָוונער יידן און אויך טייל יידן פֿון ווילנע. מען איז אויך געפֿאָרן צו דער געוועזענער פּאַרטיזאַנער־באַזע אין דער רודניצקער פּושטשע.

רירנדיק איז געווען די אזכרה אויף רוזעלע, ביי די "ביליקע הייזער", ווו זעקס הונדערט יידן זענען אומגעבראַכט געוואָרן האַרט פֿאַר דער באַפֿרייאונג. אַן אַנדער אזכרה איז געווען אויפֿן בית עולם אין דעמבאָווקע, וואָס איז גוט אויפֿגעהאַלטן. דער בית עולם איז פֿאַרהעלטנישמעסיק אַ נייער. די אַלטע קהילה האָט געקויפֿט דעם באָדן אין די דרייסיקער יאָרן פֿאַר דער מלחמה, ווייל אויפֿן זאַרעטשער בית עולם איז

געבליבן וויניק פלאַץ. דער באָדן איז נישט גענוצט געוואָרן ביז די צייטן פון געטאָ. יידן, וואָס זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, זענען געבראַכט געוואָרן אַהערצו און מ׳האָט זיי באַערדיקט אין קברים אָן אויפשריפטן. פאַראַן דאָ איבער זיבעציק אַזעלכע קברים. מ׳האָט אויך געבראַכט אַהערצו מצבות פון אַלטן זאַרעטשער בית עולם, צוו. אנד. פון ד״ר צמח שאַבאַד און פון הרב חיים עוזר גראָדזענסקי. עס זענען אַהער אויך אַריבערגעטראָגן געוואָרן די קברים פון ווילנער גאון און פון גרער צדיק. ס׳איז אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר זיי אַן אוהל, ווו יידן זאָגן תפילה און לייגן אַריין קוויטלעך, ווי ביים כותל המערבי אין ירושלים.

אונדזער פריינד, דער געוועזענער פאַרטיזאַן שמואל קאַפּלינסקי, האָט זיך אַ סך געמיט ביים אויפשטעלן די מאָנומענטן פאַר די פאַרטיזאַנער אַסיאַ ביג, אַבראַשע כוואָיניק און יאַנקל קאַפּלאַן, וועלכע זענען אויפגעהאָנגען געוואָרן אַ טאָג פאַר דער ליקווידאַציע פון געטאָ. ער האָט אויך אויפגעשטעלט מאָנומענטן פאַר די אָנפירער פון בונד און פון פאַרשידענע קולטור־אָרגאַניזאַציעס. אויפן בית עולם האָבן געהאַלטן רעדעס קאַפּלינסקי, אַ ראַבאי און פאָרשטייער פון דער אָרטיקער יידישער קהילה.

די סאַמע רירנדיקסטע מאָמענטן האָבן מיר דורכגעלעבט אויף פּאָנאַר, ווו עס זענען אומגעבראַכט געוואָרן די יידן פון ווילנע און אומגעגנט. די אזכרה איז דורכגעפירט געוואָרן ביים מאָנומענט וואָס האָט אויפשריפטן אין יידיש און העברעיש. עס זענען אָנוועזנדיק געווען מיטגלידער פון דער ליטווישער רעגירונג מיטן פּרעזידענט בראַזאַוסקאַס. גערעדט האָבן הרב גורן פון ישראל און חיים באָסאַק (אין יידיש).

שווער צו פאַרגעסן די אזכרה אויף פּאָנאַר. מיר זענען געשטאַנען אין שפּאַנונג צווישן וואַלד און באַרג און זיך צוגעהערט צו די קלאַנגען פון קדיש און אל מלא רחמים, און געטראַכט האָט זיך: גוט וואָס די אזכרה קומט פאַר פופציק יאָר שפּעטער, נאָך דער ליקווידאַציע פון געטאָ. ווער ווייסט צי עמיצער פון אונדז וואָלט עס אויסגעהאַלטן אַ סך פריער.

און אַזוי האָבן מיר געזעגנט די זיבעציק טויזנט יידן, משפחות און פריינד, וואָס האָבן זייער לעצטן רופּלאַץ געפונען אויף פּאָנאַר. ס׳איז אויך געווען אונדזער לעצטע געזעגענונג מיט דער וואונדערשטאָט אויפן באַרג, וואָס מיר רופן ווילנע.

---

## גרוניאַ קאַהן / מאָנטרעאָל

* * *

כ׳וואָלט געוואָלט די זון דיר שענקען,
שיינסטו, ווי די זון;
שענקען דיר די שענסטע בלומען,
ביסטו שענער פון אַ בלום.

כ׳וואָלט געוואָלט אַ ווייטן שטערן
שענקען דיר ביינאַכט,
שיינט אַליין פאַרליבט דער שטערן
און דיין וועג באַוואַכט.

כ׳וואָלט די גאַנצע וועלט דיר שענקען,
איז זי פאַלש און שלעכט.
וואָס־זשע טויג דיר אַ מתנה
וואָס איז גאָר ניט ווערט?

שענק איך דיר אַ ליד, אַ שמייכל,
כ׳בין דאָך אַ פּאָעט;
זינג איך פאַר דיר מיינע לידער,
כ׳זינג פון פרי ביז שפּעט.

גיין זאָלסטו אויף גלייכע וועגן
קלייב זיי אויס אַליין.
ליכט און פרייד זאָל דיך באַגלייטן,
זיי געבענטשט,
אמן.

שושנה באַלאַבאַן־וואָלקאָוויטש / ניו־יאָרק

## לוי שאַליט - דער ניגון פון צעבראָכענעם פידל

אַ געבוירענער אין קויבישעוו, רוסלאַנד, האָט לוי שאַליט באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע יידישע דערציונג. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז זיין משפחה צוריקגעקומען קיין ליטע, ווו ער האָט געלערנט אין די ישיבות פון טעלץ און סלאָבאָדקע. שאַליט איז אַריבער צו זשורנאַליסטיק זייער יונג און מ'האָט זיינע פעיקייטן אויף דעם געביט גענען גלייך אין זיינע ערשטע אַרטיקלען. ער ווערט אויך אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דעם ליטווישן ציוניסטישן קאָמיטעט.

ווען די נאַציס האָבן אָקופּירט ליטע אין 1941, האָט מען שאַליטן פאַרשפּאַרט אין שאַוולער געטאָ - איינע פון די צוויי קאָנצענטראַציע־לאַגערן וואָס זענען געווען אין ליטע. אין 1944 האָט מען אים, צוזאַמען מיט אַנדערע פּאַרטיזאַנער, פאַרשיקט קיין דאַכאַו. דעם 1טן מאַי 1945 איז שאַליט באַפרייט געוואָרן דורך די אַלירטע אַרמייען.

דער שרייבער בערנאַרד לעווינזאָן זאָגט וועגן אים: "עס זענען דאָ פיר שאַליטן אין לוי שאַליט - - זשורנאַליסט, פּאָעט, היסטאָריקער, פאָרשער - אין אַלע פיר באַווייזט ער זיך ווי אַ שטאַרקער אַנאַליטיקער און ווייסט מיט טאַלאַנט איבערצוגעבן זיינע קענטעניש דעם לייענער". דאָס קענען מיר זען פון דעם פאָלגנדיקן פראַגמענט:

"יעדע נייע אידעע קומט רעפאָרמירן, הגם דאָס לעבן אַליין, דער נאַטירלעכער צייט־גאַנג, איז דער שטאַרקסטער רעפאָרמאַטאָר. אָבער די צייט רעפאָרמירט אידעען עוואָלוציאָנער, בשעת נייע באַוועגונגען קומען צואיילן, "אונטערשטופּן" דעם גאַנג פון געשיכטע - און עס ווענדן אין אַ באַשטימטער ריכטונג. אין דעם קולטור־געשיכטלעכן גאַנג פון יידישן פאָלק זענען פאָרגעקומען בייטונגען שטילע, און אויך באַוווסטזיניק־צוגעאיילטע. אין דער פאָרמירונגס־צייט פון פאָלק ישראל זענען די ענדערונגען, אָדער רעפאָרמעס, געמאַכט געוואָרן מיטן ווילן צו אויפבויען די אומה, דעם גייסטיקן מהות פון פאָלק, ווי דאָס ווערט דערציילט אין ספר דברים. שפּעטער זענען ענדערונגען געמאַכט געוואָרן צו פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון פאָלק, אָבער זייער אָפט זענען זיי אויך אויפגעקומען פון אַ סאָציאַל־מאָראַלישן באַדאַרף און טריב, שוין אין אָנהייב פון דער יידישער געשיכטע...

(צייטן דערציילן, ז 59).

לוי שאַליט דער יידישער היסטאָריקער - שרייבט פּשוט, קלאָר, אָן קונצן - דווקא אין פאָרשונג פאַרלייכטערט ער אונדז דאָס לייענען כדי מע זאָל קענען פאַרשטיין. שאַליט באַקענט אונדז סיי נאָענט סיי נענטער מיט העלדן פון ימים קדומים. זיי ווערן דורך זיין פּען ווידער לעבעדיק שיר־נישט היינטצייטיק. ער דערפילט די ראָלע פון דעם היסטאָריקער, וועלכער וויל מע זאָל פילן און פאַרשטיין ווי מע האָט געטראַכט צי זאָל עס זיין אין די צייטן פון מאַסאַדאַ, מיטלעלטער, רענעסענס, אָדער גאָר בעת די קאַמפן אין די געטאָס, אין די ראַנגלענישן אויף צו קענען בלייבן לעבן אין דער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. שאַליט פירט אונדז אין די לאַגערן און מיר פילן זיין פּיין און ווי ביים לייענען זיינע איבערלעבונגען:

"עס איז געווען אין געטאָ. אַ געהיימע גרופּע האָט זיך גערופן "מסרה",

אויפן נאָמען פון דער לעצטער פעסטונג אין ארץ ישראל, ווו אליעזר בן יאיר מיט זיינע העלדן האָבן זיך באַריקאַדירט אין קאַמף קעגן די פיינט. דאָרטן האָבן זיי אַליין לבסוף זיך גענומען דאָס לעבן, זיך אומגעבראַכט, ווען זיי האָבן געזען אַז דער קאַמף איז פאַרשפּילט, און זיי האָבן ניט געוואָלט אַריינפאַלן אין געפאַנגענשאַפט.

אין דעם נאָמען, וואָס די יונגע מענטשן פון דער אונטערערדישער גרופּע אין געטאָ האָבן גענומען פאַר זיך, איז געווען אַ גענוג קלאָרער אויסדרוק וועגן זייער לאַגע. אויך זיי האָבן געפילט, אַז זיי זענען פאַרמשפּט צום אונטערגאַנג, אָן אַן אויסוועג, זיי האָבן געוואָלט קעמפן, זיך קעגנשטעלן. אָבער זייערע כוחות זענען געווען צו שוואַך, און דער פיינט צו מאַכטיק. און דאָך האָבן זיי זיך פאַרמאָסטן צום ווידערשטאַנד. און די געטאָ איז געווען זייער לעצטע "פעסטונג", צו אַ פאַרשפּילטן קאַמף און צו אַ זיכערן אונטערגאַנג. און דערפאַר האָבן זיי געזוכט אַנאַלאָגיעס אין דער רייכער יידישער געשיכטע, אַ פאַרגלייך צו זייער מצב".

שאַליט פאַרמאָגט אַ געבענטשטן טאַלאַנט צו פאַרכאַפּן דעם לייענער און אים אָנרעגן מיט אַ פראַגע - "און וואָס ווייטער?" - ווי אַזוי וועלן זיך די סיטואַציעס אַנטוויקלען, וואָס וועט ווערן פון זיינע העלדן די רעאַלע און די אויסגעטראַכטע... אומדערוואַרט ברענגט שאַליט אַנטקעגן אַן ענטפער וואָס פירט ווייטער און מע וויל אים ווייטער לייענען. ער דריקט זיך אויס מיט אַ שפּראַך און אַ סטיל וואָס האָט אין זיך פּאָעזיע און ריטעם, קלאָר און וואַרעמקייט.

נאָך זיין באַפרייונג פון דאַכאַו, דעם 1טן מאַי 1945, האָט שאַליט געשאַפן אין מינכען דאָס וואָכנבלאַט פון די באַפרייטע יידן אין דייטשלאַנד "אונזער וועג", דער טיראַזש איז געווען בערך 8 טויזנט קאָפּיעס. באָריס גערשמאַן האָט פאַרבעטן שאַליטן איבערצודרוקן זיינע אַרטיקלען אין דער "אַפריקאַנער יידישע צייטונג". אַזוי איז געווען די ערשטע פאַרבינדונג פון שאַליטן מיט דרום־אַפריקע. אין 1947 האָבן מאַקס גרינשטיין און מאַקס שפּיטץ ווי דעלעגאַטן פון דעם יידישן באָרד אָף דעפּוטיס אין דרום־אַפריקע באַזוכט אין דייטשלאַנד די יידן, וועלכע זענען באַפרייט געוואָרן פון די לאַגערן. דער ציל פון זייער באַזוך איז געווען אַרויסצוהעלפן די געראַטעוועטע. דער אַמעריקאַנער רזשאָינט האָט צוגעגרייט אַן אויפנעם פאַר דער דעלעגאַציע און דער דירעקטאָר פון רזשאָינט האָט איינגעלאַדן שאַליטן ער זאָל ביים אויפנעם באַגריסן מיט אַ פּאָר ווערטער "פון אַ ליטוואַק צו ליטווישע יידן..." די דעלעגאַציע האָט פאַרבעטן שאַליטן קיין דרום־אַפריקע, כדי ער זאָל דערעפענען אַ קאַמפּיין לטובת דעם רזשאָינט. שאַליט איז ניט געווען אין גאַנצן באַגייסטערט מיט דער איינלאַדונג צוליב די פּאַסירונגען אין ישראל, און באַשלאָסן פאָרן קיין... ישראל. דער רזשאָינט האָט זיך ווידער געווענדט צו שאַליטן. אָבער ס'איז, ווייזט אויס, ניט געווען באַשערט, אַז ער זאָל אַריינפאָרן אין דרום־אַפריקע, ווייל ער האָט ניט באַקומען קיין וויזע.

אין 1951 האָט צופעליק שאַליט זיך געטראָפן אין מדינת־ישראל מיט מאַקס ספּיטצן וועלכער האָט אים ווידער פאַרבעטן ער זאָל פאָרן קיין דרום־אַפריקע - דאָס מאָל לטובות דעם ק.ק.ל.

אין דער צייט פון דעם קאַמפּיין האָט שאַליט געשריבן פאַר דער דרום אַפריקאַנער יידישער צייטונג - אַ קאָנטאַקט וואָס ער האָט ניט איבערגעריסן זינט מ'האָט דאָרט

אָנגעהויבן איבערדרוקן זיינע אַרטיקלען פון "אונזער וועג".

שאַליט פלעגט דערציילן, אַז אין יענע צייטן האָט די צייטונג, פון דעם אַרמיניסטראַטיוון קוק ווינקל, געאַרבעט גוט, נאָר די רעדאַקציע איז באַשטאַנען פון איין מענטש, שמריהו לעווין. אָבער זשורנאַליסטן פון אַנדערע לענדער זענען געווען גוט פאַרטראָטן אין דער צייטונג - ש.ל. שניידערמאַן, ניו־יאָרק, לענעמאַן, פּאַריז, האַרענהאָרף, לאָנדאָן, יצחקי, תל־אביב, לאָקאַלע מיטאַרבעטער זענען געווען: רבי לויס ראַבינאָוויטש, רבי רום, מיכל בן־משה און שמריהו לעווין.

אין 1953 שטאַרבט באָריס גערשמאַן און זיין משפחה האָט פאַרגעשלאָגן ש. לעווין און ל. שאַליט זיי זאָלן אָפּקויפן די צייטונג. פּאַמעלעך און מיט זיכערע טריט האָבן זיי אָפּגעפרישט די צייטונג, געקויפט נייע לינאָטיפן, דרוק־מאַשינען. איינגעלאַדן מיטצואַרבעטן די שרייבערס און פּאָעטן ה. לייוויק, יעקב גלאַטשטיין, חיים גראַדע. יצחק באַשעוויס־זינגער, מרדכי שטריגלער און אַנדערע. אָנגעזעענע שרייבערס און פּאָעטן פון דער העברעישער ליטעראַטור ווערן דורך איבערזעצונגען פאַרטראָטן אין ספּעציעלע ביילאַגעס. אַזוי אַרום ווערט די "אַפריקאַנער יידישע צייטונג" ניט בלויז אַ צייטונג נאָר אויך אַ ליטעראַרישע פּובליקאַציע.

שאַליט האָט דערמאָנט מיט שטאָלץ, אַז די צוואַנציק יאָר וואָס ער איז געווען דירעקטאָר פון דער צייטונג, האָט ער געשעפּט נחת און פאַרגעניגן. ער איז געווען אַ סענסיטיווער שריפטשטעלער, וועלכער האָט מיט זיין פילן און אויסדריקן זיך באַרייכערט דעם לייענער. אָט וואָס ער האָט געשריבן וועגן יידיש, יידישער פּאָעזיע און זשורנאַליסטיק:

"...די פּאָעזיע אין יידיש איז געווען דער שטאַרקסטער, קרעפטיקסטער צווייג אין דער ליטעראַטור אויף יידיש. יידישע פּאָעטן האָבן באַשאַפן וווּנדער מיטן יידישן וואָרט. ...יידישע בעלעטריסטן און פּאָעטן זענען דאָס רוב געווען, און זענען, אויך פּובליציסטן און זשורנאַליסטן, און אָפט אַפילו די "שוואַרצע" מיטאַרבעטער פון צייטונגען און צייטשריפטן. זיי האָבן זיך אויסגעלאָרן אין רעאַגירן אויף לויפיקע געשעענישן, אויף אַקטועלע טעמעס. זיי זענען אָבער געווען ניט נאָר די רעאַגירער אויף געשעענישן, נאָר אויך די פאָרמירער פון דעת הקהל. זיי האָבן געפאָכטן מיט זייער פען, ווי מיט שווערדן, געקעמפט וועגן, פאַר און קעגן איידעען.

היינט, ווי אַ כלל, איז די יידישע פּרעסע אַ כלל־ישראלדיקע. אַ סך אויסגעקעמפטע אידעען ליגן צעטראָטענע, אָפּגענאָרטע. און דאָס ביסל וואָס איז געבליבן האַפטיק - אויף די זענען אַלע מסכים און געאייניקט; ווער מיט אַ שטאַרקערן טאָן, ווער מיט אַ שוואַכן אמן־נאָכזאָג, אָבער אַלע אָן בלוטיקן געפעכט. מוז די יידישע פּרעסע זיין בעיקר אַן אינפאָרמאַטיווע. און דאָס איז זי היינט (אין אַלע לשונות). איז דאָס גוט און פיין, נאָר דער פייער פון פּראָבלעמאַטיק און פּאָלעמיק באַלעבט איר ניט מער."

אין תוך איז ער, שאַליט אַליין, געווען אַ טייל פון דער יידישער פּאָעזיע און יידישער זשורנאַליסטיק, און זיין טויט איז אַ גרויסער היזק פאַר ביידע. אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס דער פידל איז צעבראָכן געוואָרן, אָבער דער שאַליט־ניגון איז פאָרט געבליבן, אַ שאָד וואָס די לעצטע סטרונע האָט געפּלאַצט - ער האָט פאַרמאָגט אַזוי פיל ניגון אין זיך...

יצחק בורשטין־פינער / פּאַריז

# מיין יידיש לשון

מיין אייניקל חנהלען

די שטילקייט קומט אָן מיטן בין־השמשות,
דעמאָלט לאָד איך מיין ירושה אויס.
ווי אַ פּאַנצערוואָגן קומט צו מיר די נאַכט, בעת
ווערטער יידישע פון מיין זכרון שפּאַרן אַרויס.

איך לייג זיי אָוועק ביי דיין וויגל,
זינגען זינג איך דיר מיין טאַטנס ליד,
שיר־השירים־יידיש וואָס ער געשאָנקען ט׳מיר,
און אַ געביט דערצו פון מיין מאַמעשיס געמיט.

מיידעלע טייערע דו מיינו אין דיינע אייגעלעך
מיין יידיש לשון שפּיגלט זיך אָפּ.
ווי אַ שטראַל אַ זוניקע לייכט אין זיי מיין וואָרט
און ווי אַן אָפּגלאַנץ פון אַ מאָל פּאַלט מיין ליד אַראָפּ.

דורך מיין יידיש ליד וועסטו דעם סוד דערגיין
פון מיין הייסער ליבע און פון מיין געדאַנק,
שפּעטער וועסטו אפשר ירשענען דאָס אַלץ
און אַליין פאַרשפּרייטן יידיש - וואָרט און קלאַנג.

און אַלע וועלן דערהערן דעם ווונדער פון מיין לשון
ווייל דו וועסט שפּעטער איבערזינגען דאָס ירושה־ליד,
דעריבער בעט איך דיך: הער זיך צו מיין יידיש איין
און וועסט דערפון דערהערן אַלע מיינע פרייד און פּיין.

לעבן דיר, מיידעלע מיין, ווי ניי־געבוירן איך פיל,
ווייל מיר עס דוכט: אין מיין לשון כ׳האָב דיך איינגעפלאַנצט,
וואָרעם אונדזער שטאַם טיף אין יידיש טוט שטעקן,
וועל איך פון יידיש־ווערטער אויספלעכטן דיר אַ קראַנץ.

הער: שלום, פריידן, ליבע - דאָס איז מיין געזאַנג,
זינג איך דאָס נעבן דיר, מיין ביימעלע, מיין זאַנג.
ווי די אייביקע זון באַלייכטסט מיר מיינע טעג -
ווייל דו ביסט דאָס ליד וואָס באַגלייט מיך אינעם וועג.

שמואל באַט

# מיין שכן יעקב ראַטבאַום

צוריק מיט אַן ערך זיבן און דרייסיק יאָר, נאָכן צוריק קומען פון סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין פּוילן בין איך באַשטימט געוואָרן ווי דער רעגיאָנעלער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג "פאָלקס־שטימע" אין נידערשלעזיע. באַקומען אין וואָצלאַוו אַ גאַנץ שיינע 3־צימערדיקע דירה (וועגן אַזעלכער איך האָב פריער אַפילו חלומען מורא געהאַט), האָב איך אַראָפּגעבראַכט פונעם זאַמלפּונקט פאַר צוריקגעקומענע מיין משפחה – מיין פרוי און צוויי קינדער, 1 יאָר און 9 יאָר אַלט, און אָנגעהויבן "באַהערשן" דעם נייעם שטח.

אויפן צווייטן טאָג האָט זיך דערהערט דאָס קלינגען פונעם טיר־גלעקל. כ'האָב זיך זייער געוווּנדערט. "ווער קאָן דאָס זיין? מיר זענען דאָ אינגאַנצן פרעמד, אַפילו קיין באַקאַנטשאַפטן נאָך נישט באַוויזן צו מאַכן".

געעפנט די טיר, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ פּאָרל, אַ פרוי מיט גלאַט פאַרקעמטע האָר מיט אַ פּאָר ליכטיק־גוטע אויגן און אַ פּנים, וואָס האָט געשיינט מיט אַן אינערלעכער וואַרעמער שיינקייט, כאָטש קיין גאָר שיינע ווי אַ פרוי איז זי נישט געווען. ביי איר זייט איז געשטאַנען אַ יונגערמאַן אין די מיטל־פופציקער, מיט אַן אַקוראַט פאַרקעמטער מענער־פריזור, אין אַ פיינעם אַנצוג. זיין פּנים, אַריסטאָקראַטיש און אָפן, האָט אויסגעדריקט אַ פריינדלעכן אינטערעס אין די וואָס זענען אַנטקעגן געקומען אויף דער שוועל. די טיפע אויסדרוקפולע אויגן האָבן געקוקט אויף אונדז מיט אַן אָפנהאַרציקער גוטסקייט.

– מעג מען אַריינקומען? – האָט ער אַ פרעג געטאָן און אַריבערגעשפּאַנט די שוועל, נישט וואַרטענדיק אויף קיין ענטפער. – דאָס איז שרה ראַטבאַום, מיין שוועסטער, און איך בין יעקב.

ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט, און איך האָב דערפילט אַ פעסטן אָבער וואַרעמען דרוק.

– האָט איר אַריבערגעשפּאַנט די שוועל מיטן רעכטן פוס? – האָט ער שטיפעריש אַ פרעג געטאָן.

זעענדיק אַ שמייכל אויף מיינע ליפּן האָט ער צוגעגעבן:

– אַוודאי מיטן רייכטן פוס... ברוכים הבאים... מיר ווינשטן אייך גליק און מזל אויפן נייעם אָרט.

– מיר זענען אייערע שכנים, – האָט שרה צוגעגעבן. – אָט, אַנטקעגן אייער טיר. אייער דירה איז נומער 2, אונדזערע – נומער 1. אָרדנט אייך גוט איין, באַקוועם און גוט. און טאָמער דאַרפט איר עטוואָס, וואָס ס'זאָל נישט זיין, האָט די דרייסטקייט אָנצוקלינגען, די טירן וועלן זיין פאַר אייך אָפן... און זייט אַזוי גוט, קומט אַריין אין אָוונט אויף אַ גלאָז טיי.

זיי האָבן זיך געזעגנט און אַריין צו זיך. איך בין געבליבן אַ געפּלעפּטער... שרה ראַטבאַום? די אין יידישע היימען באַקאַנטע אַקטריסע פונעם מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער, מיכאָעלסעס טעאַטער, איז מיין שכנה? און איר באַרימטער אין פראַנקרייך, אַמעריקע, אַרגענטינע ברודער? דער שעפער פון "שריי כינע" און "די כשופמאַכערין" – ער וועט אויך זיין דאָ אַנטקעגן מיר? ס'האָט זיך מיר נישט געגלויבט.

אין אָוונט, אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די בעסטע בגדים, האָבן מיר אָנגעקלונגען צו די ראַטבאַאומס. די טיר האָט געעפנט יעקב. דערזעענדיק אונדז, האָט ער גוטברודעריש אַרויפגעלייגט זיינע הענט אויף אונדזער אַקסלען און אַריינגעפירט אין שטוב.

-טאַטעשי, מאַמעניו, לעהלע! - האָט ער פריילעך אַ זאָג געטאָן. - דאָס זענען אונדזערע נייע שכנים-פריינד, נאָרוואָס אָנגעקומענע פון סאָוועטן-פאַרבאַנד... רעב...

- ריווע און שמואל באַט, - האָבן מיר זיך פאָרגעשטעלט.

ער האָט אונדז פאָרגעשטעלט זיין טאַטן, מיט אַ זילבער-האָריקן קאָפּ פון אַ פּאַטריאַרך, זיין נידריקוווקסיקע מוטער, פייגעלע, אירע אויגן פול מיט מאַמעשער גוטסקייט, ליכטיק און פריינדלעך. "אַזעלכע אויגן האָט שרה", - האָב איך אַ טראַכט געטאָן. זיין יינגסטע שוועסטער, לאה, האָט אונדז באַזעצט ביים טיש און איידער מיר האָבן זיך אַרומגעקוקט, דערלאַנגט טיי מיט צובייסן.

און ס'איז אַוועק אַ היימישער, פריינדלעכער שמועס. זיי האָבן געוואָלט וויסן אַלץ וועגן מיר, מיין פרוי, מיינע קינדער, מיינע איבערלעבענישן אין צייט פון דער מלחמה, וועגן מיינע טאַטע-מאַמע און זייער אומקום. מירביידע האָבן זיך דערפילט אַזוי וואַרעם, אַזוי היימיש, גלייך מיר וואָלטן געווען צווישן אייגענע, וועלכע מיר האָבן שוין לאַנג נישט געזען.

די צייט איז געוואָרן שפּעט אָבער אונדז האָט זיך נישט געוואָלט פאַרלאָזן די רחבותדיקע און אַזוי נאָענט געוואָרענע דירה. ביים אַרויסגאַנג האָט יעקב אַ פרעג געטאָן:

- איר שפּילט אפשר אַ מאָל אַ פּאַרטיע שאַך?

- אָ, ער איז אַ פאַרברענטער שאַכיסט, - האָט ריווע געענטפערט. -אויף אַזוי פיל, אַז ער פאַרגעסט די גאַנצע וועלט ביים שפּילן...

-וווּנדערלעך, - האָט יעקב אויסגערופן. - מיין טאַטעשי און איך וועלן מיט אייך פירן שאַך-מלחמות.

אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער גרויסע און פאַר מיר פרוכטיקע פריינדשאַפט מיט דער וווּנדערלעכער, אויסערגעוויינלעכער ראַטבאַום משפחה, אַ משפחה פון גרויסע קינסטלער, וואָס האָט אַריינגעטראָגן וויכטיקע, גייסטיקע אוצרות אינעם לעבן פון אונדזער פאָלק אין משך פון צענדליקער יאָרן. פאַר די יאָרן פון אונדזער שכנעשאַפט האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער צענטער, דער צעמענטירנדיקער עלעמענט פון דער גייסטרייכער משפחה איז געווען יעקב. ער איז געווען דער, וואָס איז אויסגעפאָרן אַ האַלבע וועלט, טראָגנדיק זיין וווּנדערלעכע קונסט צי ברייטע פאָלקס-שיכטן פו אַלע גרעסערע יידישע ישובים אין אייראָפּע, אַמעריקע און ישראל. ער האָט אויך באַוויזן צו פאַרנעמען אַ וויכטיק אָרט אין דער פּוילישער קולטור-און קונסט-וועלט מיט זיינע אויפפירונגען פון אַזעלכע טעאַטער-דראַמעס ווי "וועסעליע" פון וויספּיאַנסקי, "דער לויף צו פראַגאַלאַ" פון סטריקאָווסקי, "דער מענטש מיט דער ביקס" פון פּאָגאָדין, ברעכטס "דריי-גראָשן אָפּערע" און אַנדערע, פאַר וועלכע ער האָט באַקומען די העכסטע רעגירונגס-אָרדנס.

אין זיין צערטלעכער, ממש גרענצלאָזער ליבע, מיט וועלכער ער האָט אַרומגערינגלט זיין אַלטן טאַטן, די שטילינקע, טאַקע ווי אַ פייגעלע, מאַמע, זיין עלטערע שוועסטער שרה און די יינגערע, לאה, זיין לעבנסבאַגלייטערן, סילוויע, די טאַלאַנטירטע כאָרעאָגראַפין פון אַלע טענץ אין זיינע טעאַטער-שאַפונגען, - איז געקומען צום אויסדרוק סיי זיין גרויסקייט ווי אַ קינסטלער און מאָלער, סיי זיין יידיש פאָלקישע

פשוטקייט.

נאָך היינט שטעל איך זיך די פראַגע, מיט וואָס האָב איך זיך פאַרדינט, אַז אַזאַ גרויסער טעאַטער־קינסטלער זאָל זיך באַפריינדן מיט מיר, שענקען מיר און מיין משפחה, ספּעציעל די קינדער, וואָס זענען אויפגעוואַקסן אויף זיינע אויגן, אַזוי פיל וואַרעמקייט.

אין די ערשטע עלטעכע יאָר איז אונדז נישט לייכט געווען. מיין פרוי, וואָס האָט נאָך נישט באַוויזן באַהערשן פויליש, האָט נישט געקאָנט אַרבעטן, איך האָב געמוזט דורכגיין אַן אַפּליקאַציע, בכדי צו קענען אַרבעטן ווי אַן אַדוואָקאַט, און אָפּט־מאָל פלעגט מיך אַרומנעמען אַ פאַרצווייפלונג, אַ מין יאוש. יעקב, וואָס פלעגט זייער אָפט אַריינקומען צו אונדז, אָדער ווען מיר פלעגן זיין אַריינגעטאָן אין דעם שאַך־געשלעג, האָט שטענדיק אַרויסגעפילט מיין שטימונג.

– ע, עפּעס שפּילט איר נישט ווי ס'פּאַסט פאַר אייך... – האָט ער געזאָגט. – שוועריקייטן? לאָזט ניט אַראָפּ דעם קאָפּ... איר מוזט גלויבן אין זיך. כ'בין זיכער, איר וועט בייקומען און מיר וועלן נאָך האָבן אַ שכן נישט נאָר אַ באַגאַבטן זשורנאַליסט, נאָר אַ באַרימטן אַדוואָקאַט.

און ווען כ'האָב באַקומען די אַדוואָקאַטן־רעכט, האָט ער זיך דערפרייט, גלייך דאָס וואָלט נוגע געווען זיינעם אַ נאָענטן קרוב און אַריינגעפירט מיך צו זיין פּאַטער.

– זעסט, טאַטעשי, שמואל איז שוין אַלץ בייגעקומען, איז שוין אַן אַדוואָקאַט אויך... וועלן מיר נויטיקן זיך אין אַ יורידישער עצה – וועלן מיר זי האָבן אַט דאָ. רופט אַריין אייער ווייב און קינדערלעך. דאָס איז אונדזער אַלעמענס שמחה.

און מיר האָבן אַלע צוזאַמען געטרונקען אַ גלעזעל משקה פאַר דער גליקלעכער צוקונפט פון אונדזערע ביידע משפחות. גלייך ווי זיי וואָלטן געווען איינע.

אַלע מיטגלידער פון דער ראָטבאַום משפחה האָבן געהאַט אין זיך אַ ספּעציעלע צוציונג־קראַפט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער פאָלקישער פשטות. קיינעם און קיין מאָל האָבן זיי נישט געלאָזט וויסן וועגן זייער גרויסקייט אין זייער שאַפן און קונסט. זיי האָבן זיך באַצויגן צו די אַרומיקע מענטשן מיט וועמען זיי זענען געקומען אין קאָנטאַקט, ווי צו גלייכע, אייגענע. אַ ספּעציעלן טאַלאַנט דערצו האָט געהאַט יעקב.

איך געדענקט נישט, אַז ער זאָל האָבן אַ מאָל געהעכערט זיין שטימע. ער האָט שטענדיק גערעדט רואיק, שטיל, אַפילו ווען ר'האָט אויסגעדריקט טיפע עמאָציעס. אַפילו ווען זיין שמיעה איז געוואָרן שוואַכער און ער האָט געמוזט פאָרן צו די בעסטע מעדיקער־ספּעציאַליסטן אין אַמעריקע און ישראל, בכדי זי צו ראַטעווען, אַפילו דעמאָלט האָט ער קיין מאָל נישט געהעכערט זיין קול. ער האָט געהאַט אין זיך אַ זעלטענע פעיקייט צוצופּאַסן זיך צו דער סביבה. נישט אומזיסט האָבן אים אַלע אַקטיאָרן, גרויסע און יונגוואַרג, מיט וועמען ער האָט געאַרבעט, ממש פאַרגעטערט. איך געדענק, מיט יאָרן צוריק, איז אַראָפּגעקומען קיין וורצלאַוו אַ פּראָווינץ־מיידל, וואָס האָט געוואָלט ווערן אַן אַקטריסע. נאָך אַן אודיציע האָט יעקב זי אַריינגענומען אין אַ גרופּע יונגע אָנפאַנגער. איך האָב זי געקענט, ווייל זי האָט פאַרנומען אַ צימער בשכנות פון אונדזער דירה. מאַריאַ האָט זי געהייסן (דעם פאַמיליע־נאָמען האָב איך ליידער פאַרגעסן).

– איר קענט זיך גאָרנישט פאָרשטעלן, שמואל, וואָס פאַר אַ גרויסן טאַלאַנט דאָס מיידל פאַרמאָגט, – האָט ער מיר נישט איין מאָל געזאָגט. – איך וועל איר העלפן ווערן אַ גוטע אַקטריסע.

און אַזוי איז געווען. מיט איייניקע יאָרן שפּעטער איז מאַריאַ געוואָרן איינע פון די פירנדיקע אַקטריסעסעס, פאַר וועלכער ס'פלעגן זיך ממש שלאָגן אַלע בעסטע פּוילישע טעאַטערס אין לאַנד. יעקב האָט דערפון גרויס הנאה געהאַט. ער האָט זי אויסגעפורעמט, אויגעשניצט, ווי אַ סקולפּטאָר מאַכט פון אַ רויען מאַטעריאַל אַ קונסט־ווערק.

יעקב איז געווען פּשוט אין זיין גרויסקייט און גרויס אין זיין פּשוטקייט. נישט זעלטן, ווען ער האָט געאַרבעט איבער נייע פאָרשטעלונגען, פלעגט ער מיך אָפּרופן טעלעפאָניש:

– קומט אַריין, שמואל, איך דאַרף אייך האָבן.

איך פלעג אַוועקוואַרפן אַלץ וואָס כ'האָב געטאָן און גיין צו אים, אין זיין גרויסן צימער אַרומגעהאָנגען מיט זיינע מאָלערייען, מיט ביכער אומעטום, אין אַלע ווינקלען. אָנווייזנדיק אויף אַ מאַקעט פון אַ סצענע, צעשפּרייט אויפן טיש, פלעגט ער מיך פרעגן:

– איר מיינט, אַז עס וועט זיין גוט אַזוי?

– טייערער יעקב, איר ווייסט דאָך, אַז כ'בין נישט קיין סצענאָגראַפיע־ספּעציאַליסט. כ'קען אייך געבן אַ יורידישע עצה. אָבער אין אייער קונסט זענט איר דאָך דער מייסטער.

– ניין, ניין. איך פרעג אייך ווי אַ צושויער... דער גרעסטער מבין פון טעאַטער־קונסט איז דער צושויער. און איך האָב דאָ די געלעגנהייט צו שמועסן מיטן צושויער נאָך איידער די זאַך קומט אַרויף אויף דער בינע.

מיר פלעגן פאַרברענגען אין דיסקוסיעס, אין פּלאַנירן, גלייך איך וואָלט געווען זיינער אַ מיטשעפער. אין אַזעלכע שמועסן האָב איך געלערנט זייער אַ סך וועגן טעאַטער, בינע־קונסט, רעזשיסור, ליטעראַרישע געשטאַלטן אויף דער בינע. יעקב איז געווען אַ קוואַל נישט צום אויסשעפּן.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט יעקב אָנגעקלונגען אין דער טיר. אַריינגעקומען, האָט ער אַוועקגעלייגט אויפן טיש צוויי איינטריט־בילעטן צום יידישן טעאַטער, וואָס האָט אין אָוונט געדאַרפט שפּילן דעם "גאָלדפאַדן־חלום" אונטער זיין רעזשי.

– איך וויל אייך בעטן קומען מיט אייער פרוי און זען די פאָרשטעלונג. כ'וויל איר זאָלט מיר זאָגן דעם אמת, וואָס ס'וועט אייך געפעלן אין דער פאָרשטעלונג און וואָס נישט...

מיר זענען אַ היים געקומען פאַרכשופטע פון די וווּנדערלעכע סצענעס פול מיט פאָלקלאָרישן יידישן צויבער; מיט די געזאַנגען, טענץ, הומאָרפולע דיאַלאָגן און רירנדיקע מאָמענטן פון דעם ספּעקטאַקל. עטלעכע טעג האָב איך נישט געקאָנט קומען צו זיך פון באַגייסטערונג.

יעקב איז צוגעשטאַנען צו מיר:

– נו, זאָגט דעם אמת, אַלץ איז אייך געפעלן, קיין קריטישע באַמערקונגען?

– טייערער, איר האָט געשאַפן עטוואָס אַזוינס, וואָס וועט אַריין אין דער יידישער און נישט נאָר יידישער טעאַטער־קונסט ווי אַ לייכט־טורעם פאַר דורות. איין זאַך וואָלט איך אָבער געמאַכט אַנדערש.

– זאָגט, זאָגט וואָס.

– אָנשטאָט אַ פאַפּירענעם חתן, מיט וועמען האָצמאַכס טאָכטער טאַנצט, וואָלט, לויט מיין מיינונג, געווען בעסער, ווען זי נעמט אַרום אַ נישט עקזיסטירנדיקן חתן מיט

פוסטע הענט. דער פּאַפּירענער חתן איז אַ ביסל צו פיל חוזק אין איר טראַגישער לאַגע.

יעקב האָט זיך אַ ביסל פאַרטראַכט.

– איר ווייסט, צוערשט האָב איך געוואָלט טאַקע טאָן, ווי איר זאָגט. אָבער איך האָב עס געמאַכט ספּעציעל סאַרקאַסטיש־חוזקדיק, נעמענדיק אין אַכט, אַז אונדזער פּילגעליטן פאָלק האָט תמיד, אין די טראַגישסטע מאָמענטן פון זיין געשיכטע, גענוצט הומאָר און סאַטירע ווי אַ געווער קעגן זיינע צרות.

אָט אַזוי, אין די לאַנגע יאָרן, וואָס מיר האָבן געוווינט טיר ביי טיר, ווי איין משפחה, האָט יעקב מיך באַרייכערט מיט אַ סך וויסן וועגן טעאַטער, רעזשי, פאָלקלאָר, ליטעראַטור און קונסט בכלל. איך האָב טיף באַוווּנדערט די אויסטערלישע פּאָרטרעטן פון יידישע געשטאַלטן, די אַרבעט פון זיין מאָלער־בערשטל, מיט וועלכע דאָס גאַנצע צימער איז געווען באַהאָנגען.

אונדזער נאָענטקייט איז איבערגעריסן געוואָרן מיט מיין פאַרלאָזן פּוילן נאָך דעם ווי דער גאָמולקאַ־רעזשים האָט פונאַנדערגעבלאָזן אַ ווילסטע אַנטיסעמיטישע העצע.

מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, אָנגעהאַלטן אַן אָפטע קאָרעספּאָנדענץ מיט יעקב ראַטבאַומען און די ביים לעבן פאַרבליבענע מיטגלידער פון דער משפּחה (דער פאָטער, מוטער, יעקבס פרוי, סילוויע, זענען אַוועק פון דער וועלט נאָך ווען מיר האָבן געוווינט אין וואַרצלאַוו). אין אויגוסט 1970 איז געקומען די טראַגישע ידיעה וועגן שרהס טויט.

אין פרילינג 1971 האָט אונדזער משפחה דורכגעלעבט אַ פרייידיקע געשעעניש. מיר האָבן דעמאָלט געוווינט אין ראָטשעסטער, ניו־יאָרק. אין איינעם אַן אינדערפרי האָט מיין עלטערער זון אָפּגענומען אַ טעלעפאָן. מיר האָבן געזען ווי זיין פּנים האָט זיך מיט אַ מאָל צעשיינט פון פרייד.

– וואָס איז געשען? וואָס פרייסטו זיך אַזוי? – האָב איך געפרעגט.

– טרעפט ווער ס'קומט צו אונדז צו גאַסט?

מיר האָבן נישט געקאָנט טרעפן.

– יעקב, יעקב ראַטבאַום. ער איז אויפן עראָפּאָרט. איך פאָר שוין אים ברענגען.

מיר זענען געווען גליקלעך און פול מיט שטאָלץ וואָס אונדזער טייערער שכן און גוטער פריינד קומט אונדז זען. די שטוב האָט אויפגעלויכטן.

יעקב האָט פאַרבראַכט מיט אונדז דריי טעג און האָט באַדויערט, וואָס ער קאָן נישט בלייבן מער. ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק לויט דער איינלאַדונג פון דער יידישער "פאָלקס־בינע". די טעג פון זיין באַזוך זענען פאַרבליבן אין אונדזערע הערצער און געדאַנקען ביז היינט.

שפּעטער, יעדעס מאָל ווען כ'פלעג קומען קיין פּוילן, איז דער ערשטער וועמען כ'האָב געשטרעבט צו זען. געווע יעקב ראַטבאַום. דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען דעם 2־טן יולי 1993 אין זיין שטוב. ער איז שוין געווען אין זיינע 90־קער יאָרן, אָבער נאָך פול מיט שעפערישע איינפאַלן. ער האָט זיך געטיילט מיט מיר וועגן זיין לעצטן אויפטריט אין אַ וואָרט־קאָנצערט פאַר אַ גרופּע פּוילישע גימנאַזיע־שילער, וואָס האָבן געוואָלט הערן וועגן דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער און אויך זיינע רעציטאַציעס אין... יידיש. יעקב האָט מיר דערציילט וויפל אינטערעס די קינדער האָבן אַרויסגעוויזן און ווי גליקלעך ער איז געווען אויפצוטרעטן פאַר זיי.

מיט עטלעכע חדשים שפעטער איז ער אַוועק פון דער וועלט. זיין ווערק, זיין קונסט וועט נישט פאַרגעסן ווערן.

# אונדזערע אבידות

## גרשון פרידמאַן ז"ל

דעם 19־טן מאַי ר.י. איז אַוועק אין דער אייביקייט אונדזער גוטער פריינד, לאַנגיאָריקער אַדמיניסטראַטאָר און פינאַנס־סעקרעטאַר פון "חשבון" ג ר ש ו ן פ ר י ד מ אַ ן. הגם ער האָט די לעצטע עטלעכע יאָר, צוליב זיין קראַנקייט, נישט געקאָנט מער אויספילן זיינע פונקציעס, איז ער דאָך געווען ענג פאַרבונדן מיט אונדזער אַרבעט און שטענדיק געווען גרייט אונדז אַרויסצוהעלפן.

אַן אַקטיווער מענטש פון דער נאַטור, איז גרשון פרידמאַן געווען אַנגאַזשירט אין פאַרשיידענע געזעלשאַפטלעכע אַרבעטן אין אַרבעטער־רינג, אין יידישן קולטור־קלוב, ווו ער איז געווען אַ פאַרוואַלטונגס־מיטגליד, און אין אַנדערע אָרגאַניזאַציעס.

גרשון פרידמאַן איז געבוירן געוואָרן אין 1908־טן יאָר אין בריסק־ליטעווסק און זיינע יוגנט־יאָרן פאַרבראַכט אינעם באַוווסטן בערשטער־שטעטל מעזריטש, פוילן, ווו ער האָט זיך פאַרבונדן מיט זיין געטרייער לעבנס־באַגלייטערן ח י ה ל ע. ער האָט פאַריותמש זיין פרוי, צוויי טעכטער און אייניקלעך.

מיר וועלן אים שטענדיק געדענקען ווי אַן איבערגעגעבענעם געזעלשאַפטלעכן טוער, אַן עכטן פאָלקס־אינטעליגענט און ליבהאָבער פון יידישן וואָרט. כבוד זיין אָנדענק!

*

בעת דער לוויה אויפן מאונט סיני בית עלמין האָבן דעם פאַרשטאָרבענעם געזעגנט פ ר אַ נ י ע  וו ע ל ט מ אַ ן, אין נאָמען פון אַרבעטער־רינג, ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר פון יידישן קולטור־קלוב, ל י אַ  ש וו י י צ ע ר און ב ע ר נ אַ ר ד ש וו י י צ ע ר פון דער משפחה. דער חזן קלעמער האָט גערעדט וועגן די פאַרדינסטן פון פאַרשטאָרבענעם, געמאַכט אַן אל מלא רחמים און געזונגען אַ ריי פאַסיקע יידישע לידער.

## חיים שוואַרץ ז"ל

נישט לאַנג צוריק האָט די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט אין לאָס־אַנדזשעלעס מיט פרייד אָפּגעמערקט דעם 90־טן געבוירן־יאָר פונעם באַקאַנטן דיכטער ח י י ם ש וו אַ ר ץ, וועלכער האָט דאָ געהאַט פילצאָליקע פריינד און ליבהאָבער פון זיין שאַפונג. אין לעצטן נומער (123) "חשבון" האָבן מיר ברייטער געשילדערט דעם צוזאַמענקום לכבוד דעם דיכטער ווי אויך זיין לעבנס־וועג. און אָט האָט זיך דער לאַנגער און אַזוי פרוכטיקער לעבנס־וועג איבערגעריסן. דעם 3־טן יולי היינטיס יאָר איז חיים שוואַרץ אַוועק אין דער אייביקייט. געבליבן זענען זיינע לידער, זיין שעפערישע ירושה וואָס וועט פאַרנעמען אַ בכבודיק אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור, מיט וועלכער ער איז געווען פאַרבונדן פון זיינע פריסטע יוגנט־יאָרן ביזן לעצטן אָטעם־צוג.

אין חיים שוואַרצס דיכטונג האָט זיך פאַרשפיגלט דער גוראַנגל פון יידישן פאָלקסמענטש פאַר נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער באַפרייאונג, זיין בטחון און גלויבן אין אַ בעסערער וועלט און אויך די אַנטוישונגען, די שטרויכלונגען וואָס האָבן נישט געפעלט אין זיין לעבנס־וועג, וואָס "איז לאַנג געווען, יסורימדיק צומאָל", נאָר אַלע מאָל "דער דאָרן האָט (פאַר אים) געפלעמלט צווישן מידברדיקע קוסטעס". ער איז געווען

לילקע מייזנער

# מען טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט

פונעם יערלעכן באַריכט־רעפּעראַט אין יידישן קולטור־קלוב

טייערע פאַרזאַמלטע! מיר האָבן ווידער פאַרענדיקט ניין חדשים פון פּרוכטיקער יידישער קולטור־אַרבעט. איז עס אַן אמתער יום־טוב. פאַראַן מיט וואָס זיך צו פרייען!

אָפט מאָל טראַכט איך, אַז אונדזער ווינקל דאָ איז אַ לייכט־טורעם אין דער טאָג־טעגלעכער גרויקייט, אַז ווי קליין מיר זענען אין צאָל, זענען מיר גרויס אין פאַרנעם, אין אונדזער גלויבן, ווילן און עקשנותדיקייט, אַז די "גאָלדענע קייט" זאָל נישט איבערגעריסן ווערן. פון דעם גרויסן, שטאַרקן בוים פון יידישער קולטור און ליטעראַטור, וואָס איז אַזוי טראַגיש, אין דעם שטורעם, צעשעדיקט געוואָרן, זענען נאָך דאָ לעבעדיקע צווייגן, קנאָספּן וואָס צעעפענען זיך דאָ און דאָרטן און בליען ווייטער. צו יענע, וואָס ווילן זען, אַז ייִדיש, יידישע קולטור גייט אונטער, אָדער איז שוין אונטערגעגאַנגען, זאָגן מיר: זאָגט נישט קיין קדיש נאָך אונדז! אונדזערע וואָרצלען גרייכן טיף, גרויס איז אונדזער ירושה און מיר וועלן זי נישט לאָזן פאַרפאַלן גיין. און אויב עס איז צייטנווייז צו שווער צו טראָגן די לאַסט, געפינען זיך שטענדיק געציילטע וואָס דערמונטערן אַנדערע, נעמען אויף זיך די גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט און זאַמלען אַרום זיך גרעסערע גרופּן. אָט אַזאַ גרופּע זענען מיר דאָ, אין אונדזער קלוב

---

פאַרליבט אין יידיש לשון און עס ציזעלירט אין זיין שאַפונג, און די גאַנצע שיינקייט פון דער וועלט האָט ער אַריינגענומען אין זיין ליד.

ער האָט זיך אָבער נישט באַגנוגנט בלויז מיט זיין דיכטערישער שאַפונג, חיים שוואַרץ. מיט וואָרט און טאַט האָט ער געהאָלפן בויען יידישע קולטור־אינסטיטוציעס, פאַרנומען אין זיי אָנגעזעענע פּאָזיציעס, געווען אַ לערער און לעקטאָר, און דאָס האָט זיך בולט געלאָזט מערקן בעת זיין לוויה וואָס איז פאָרגעקומען דעם 7־טן יולי ד.י.

אַ גרויסער עולם פריינד און ליבהאָבער פונעם מענטש און דיכטער חיים שוואַרץ איז געקומען אים באַגלייטן אין זיין לעצטן וועג. נאָך דעם ווי אַ חזן האָט געזונגען אייניקע טרויער־לידער האָבן חיימס זון אהרן שוואַרץ און זיין טאָכטער שיינדל פאָרגעלייענט מיטגעפיל־טעלעגראַמעס פון יידישע קולטור־טוער מחוץ לאָס־אַנדזשעלעס; ריווע זאָלאָטאַראָוו האָט פאָרגעלייענט אַ בריוו פונעם שרייבער און רעדאַקטאָר פון "יידישע קולטור" איטשע גאָלדבערג; עס האָבן גערעדט סאָניע לערמאַן - דעם דיכטערס אַ פריינד און שילערין פון דער קינדער־שול; סטענלי בונין; העראָלד קאַץ פון דער יידישער כאַר־געזעלשאַפט; לאַדי ראָזען פון עמא לאַזאַרוס־קלוב; אויגוסט מיימודעס פון יאַבלאָן־צענטער און לילקע מייזנער פון יידישן קולטור־קלוב.

חיים שוואַרצס אָנדענק וועט אייביק פאַרבלייבן צווישן אונדז.

---

דאָראַ ביירעק ז"ל – דיכטערין. געשטאָרבן דעם 25־טן אַפּריל ד.י.

עוולין אַלעקסאַנדער ז"ל געשטאָרבן דעם 21־טן מאַי ד.י.

אין לאָס־אַנדזשעלעס. מיר זענען אפשר די דאָן־קיכאָטן וואָס פירן מלחמות מיט ווינט־מילן, אָבער מיר זעען די רעזולטאַטן פון אונדזער אַרבעט.

לוינט זיך דאָס? – וועט מען פרעגן. מיר זענען דאָך קליין אין צאָל, אַן עלטערער עלעמענט, ווייניק יוגנט. מיר האָבן אָבער דעם באַוווּסזיין, אַז מיר זענען אַ טייל פון א ו מ ע ט ו ם. אין פיל שטעט אין אַמעריקע באַווייזן זיך איצט מער און מער גרופּן וואָס ווילן און טוען אַרבעט כדי איבערשמידן די צעקרישלטע רינגען פון דער "גאָלדענער קייט". און נישט בלויז אין אַמעריקע! דאָס זעלבע זעען מיר אין ישראל, קאַנאַדע, אויסטראַליע, ענגלאַנד... מען טאָר נישט אַראָפּלאָזן די הענט!

איז עס אַ יום־טוב ביי אונדז! מיר האָבן אין משך פון יאָר זיך באַרייכערט, אונדזער קאָלירפולע טעטיקייט האָט אַרומגענומען פּראָבלעמען פון ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט, פאָלקלאָר; מיר האָבן זיך באַקענט מיט שרייבער און זייערע ווערק; אָפּגעמערקט וויכטיקע דאַטעס אין יידישן לעבן.

אומדערמידלעך, עקשנותדיק שטייען מיר שוין ביי דער אַרבעט כמעט 69 יאָר. דאָס איז אַ לאַנגער צייט־אָפּשניט. וויפל טייערע מענטשן און טוער זענען אין משך פון די יאָרן דורכגעגאַנגען די צימערן אָט דאָ, ווי אויך פריער אויף מאָנראָ־גאַס. דאַרפן מיר זיי געדענקען, נישט פאַרשעמען און גיין אין זייערע וועגן.

אויף דעם אָרט ווילט זיך אויסדריקן אַ לויב די אַלע, וואָס קומען יעדע וואָך, יעדן שבת־אָוונט כדי פאַרברענגען אין אונדזער יידישן קולטור־קלוב און אויסהערן לעקציעס, זינגען יידישע לידער, הערן מוזיק, שעפּן פון דעם אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון יידישער קולטור, לערנען זיך, דערמאָנען זיך, – זיין צוזאַמען. מיר האָבן געשאַפן אַ טראַדיציע, אַ פאַרגרעסערטע משפחה – מיטגלידער פון אונדזער קלוב.

אין משך פון די ניין חדשים האָבן באַזוכט אונדזערע אָוונטן אַן ערך 1800 מענטשן (צוליב דער ערד־ציטערניש און שלעכטן וועטער זענען צוויי אָוונטן אָפּגעלייגט געוואָרן), דורכשניטלעך האָבן מיר געהאַט 72 באַזוכער אויף אַן אָוונט. די אָוונטן זענען אויסגעפילט געוואָרן דורך פאָלגנדיקע לעקטאָרן: ד אָ ר אָ ט י ר אַ כ מ י ס, ס ט ע נ ל י ב ו נ י ן, ל י ל ק ע מ י י ז נ ע ר, מ ל כ ה ש א ו, א ב ר ה ם פ ר אַ נ ק, מ אַ י אַ ו ו י י ס פ ע ל ד, פ ס ח מ אַ ל ע ו ו י ט ש, א י ט ש ע ג אָ ל ד ב ע ר ג, מ ש ה ו ו אָ ל ף, ס י ב ע ל ב ע נ ד ע ר, ב אַ ש ע ו ו א נ ע מ י י ק ע ר, ט ר ו ד י א ל ע ק ס י ס, פּראָפ. ה ע ר ש ל ס ל ו צ ק י, פּראָפ. מ אַ ר ו ו י ן צ ו ק ע ר מ אַ ן און ג אָ ל ד י ק אָ ה ן.

די פאָלגנדיקע אַקטיאָרן, מוזיקער און רעציטאַטאָרן האָבן זיך באַטייליקט אין משך פון דער צייט: י ע ק ב ל ע ו ו י ן, י ע ק ב ב אָ ס נ ע ר, ר י ס אַ א י ג ע ל פ ע ל ד, פ ס ח מ אַ ל ע ו ו י ט ש (פּיאַנאָ), א י ז אַ ב ע ל ק ע ץ, אַ נ ד ר ע א ס מ י ד; דער אַמעריקאַנער כאָר אונטער דער אָנפירונג פון מ אָ ר י ן ג ר י ן. מיר האָבן אויך אָפּגעמערקט דאָס 90־טע געבוירן־יאָר פון דעם פּאָעט ח י י ם ש וו אַ ר ץ.

די טעמאַטיק: אין דער וועלט פון שלום עליכם; דאָס לעבן און שאַפן פון ה. לייוויק; דוד עדעלשטאַט אין וואָרט און מוזיק; געשיכטע פון יידישן טעאַטער; די פרוי אין יידישן ליד; וועגן דער יידישער קהילה אין שאַנכיי; וועגן פיר יידישע שרייבער אין מעקסיקע, דאָס לעבן און שאַפן פון מלך ראַוויטש; מאַרק שאַגאַל און זיינע טעאַטער־דעקאָראַציעס; וועגן ד"ר האָכמאַן (צביון); די געשיכטע פונעם זשורנאַל

"יוגנט־רוף"; פֿאַרברעכן און שטראָף; 75 יאָר יידיש ליטעראַריש שאַפֿן אין לאָס־אַנדזשעלעס; 45 יאָר נאָכן טויט פֿון מנחם באָריישאָ; אַן אָוונט געווידמעט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפֿשטאַנד; צוויי יידישע פֿילמען – "מירעלע אפרת" און "דער ווילנער חזן"; וועגן יידישן ישוב אין אויסטראַליע; צ ב י ה י ר ש – וועגן יום העצמאות; דאָס לעבן און שאַפֿן פֿון קאָמפּאָזיטאָר י ו ס ף ש ר אָ ג י ן. כמעט יעדער אָוונט איז געווען דורכגעפֿלאָכטן מיט מוזיק אָדער ליד.

ווילן מיר דאָ אויסדריקן אונדזער האַרציקסטן דאַנק אַלע לעקטאָרן, אַרטיסטן, רעציטאַטאָרן, זינגער און מוזיקער. און אויך יענע, וואָס האָבן געהאָלפֿן אין דער טעכנישער אַרבעט. אַלע זענט איר אַ טייל פֿון דעם ווונדערלעכן ווינקל וואָס הייסט – יידישער קולטור־קלוב. אַ ספּעציעלן דאַנק ווילן מיר אויך אויסדריקן אַ מיטגליד פֿון אונדזער קלוב, וועלכער האָט פֿרייוויליק גענומען אויף זיך די פֿליכט צו פֿאַרבעסערן די מיקראָפֿאָן־אַפּאַראַטור, חבר ק ו ב אַ ז ע ל מ אַ ן.

ווי איר זעט, טייערע פֿאַרזאַמלטע, איז דער באַריכט אַ גאַנץ ברייטער. די אונטערנעמונגען ווערן קאָלעקטיוו דורכגעטראַכט און מיר באַמיען זיך, אַז די אָוונטן זאָלן זיין אינהאַלטרייך. מיט דער אַרבעט פֿירט אָן אַ פֿאַרוואַלטונג פֿון פֿופֿצן מענטשן, און יעדער אויף זיין אופֿן גיט אָפּ אַ סך מי און אַרבעט אין ספּעציפֿישע ווינקלען, וואָס זענען וויכטיק פֿאַר דער גאַנצקייט. כ'וואָלט בלויז אויסרעכענען אייניקע: אָרגאַניזירן דעם אַרכיוו, רעקאָרדירן די שבתדיקע אָוונטן און שרייבן פּראָטאָקאָלן – י ו ס ף ס אָ ס ק י; צוגרייטן די שיינע איינלאַדונגען און הילף אין דער אַרבעט פֿון "חשבון" – ז ע ל ד ע מ אַ ל ע וו י ט ש; זאָרגן פֿאַר דער ביבליאָטעק – א ס ת ר ל י פּ ש י ץ און מ אָ נ י ע ג אָ ר פֿ י י ן; אַדמיניסטראַציע פֿון "חשבון" – צ ב י ה י ר ש און נ ת ן ש ט י י נ מ אַ ן; רעדאַקציע פֿון "חשבון" – מ ש ה ש ק ל י אַ ר; אונדזער ראַטגעבער און קאַסירער – י ע ק ב ש י י פֿ ע ר; ס י מ ע ק אַ ר פּ, וועלכע פֿאַרנעמט זיך מיט אַנאָנסירן די אָוונטן; מ אַ ש ע ה ע נ ל י, וועלכע איז אין אָפּטער טעלעפֿאָנישער פֿאַרבינדונג מיט די מיטגלידער; מ ע נ ד ל און ר ח ל ס ל ו צ ק י – אונדזערע ראַט־און טאַט־געבער, און צ ב י ה י ר ש – מיטפּאָרזיציער. אַלע, אַלע טוען די אַרבעט מיט איבערגעגעבנקייט און זענען שטענדיק גרייט אַרויסצוהעלפֿן.

מיר מוזן נאָך אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן אויף אַ וויכטיקן אַספּעקט פֿון אונדזער אַרבעט: דער "חשבון", אונדזער זשורנאַל וואָס איז דער אייציקער אין די מערב־שטאַטן, דערשיינט רעגולער און שטייט אויף אַ הויכן ליטעראַרישן ניוואָ. דער זשורנאַל ראַנגלט זיך אָבער מיט מאַטעריעלע שוועריקייטן. דער קלוב וועט אַלץ טאָן כדי אים אויפֿצוהאַלטן. דעם רעדאַקטאָר און אַדמיניסטראַציע ווינטשן מיר אַ סך כוחות אָנצוגיין מיט דער אַרבעט נאָך אַ סך יאָרן.

און לסוף. מיר מוזן איצט אָפּכאַפּן דעם אָטעם כדי אָנזאַמלען פֿרישע כוחות. און מיט פֿרישע כוחות וועלן מיר פּרוּוון דערגרייכן דעם ייִנגערן דור מיט אונדזער וואָרט; ברענגען צו די, וואָס ווילן אונדז הערן, די אוצרות פֿון אונדזער גרויסער און רייכער קולטור־ירושה.

אַ דאַנק אייך אַלעמען – מיטגלידער און פֿאַרוואַלטונג פֿון קלוב! צום ווידערזען – געזונטע און מונטערע!

איידער מיר גייען איבער צום ווייטערדיקן פּראָגראַם ווילן מיר זיך טיילן מיט אַ באַשלוס פֿון דער פֿאַרוואַלטונג: מיר גיבן נישט, אַלס כלל, קיין פּריזן און

←

# אָנגעקומען אין רעדאַקציע

* יעקב צבי שאַרגעל: "גאַרבן אין אלול", צווישן שרייבער און ווערק, בוך פיר, 288 זז', פאַרלאַג "ישראל בוך" תל־אביב 1994. דאָס איז דאָס עלפטע בוך פונעם באַוווּסטן דיכטער און עסייאיסט י.צ. שאַרגעל, חוץ אַ צאָל זיינע ביכער איבערגעזעצטע אין עברית און פון עברית אין יידיש. אין בוך קומען אַריין אַן ערך פערציק עסייען און פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער, ווי אויך אַ צאָל רעדעס־עסייען, געהאַלטענע ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן.

* מאיר יעלין: "ביי די גליענדיקע קוילן", דערציילונגען אויף טעמעס פון דער נאַצי־תקופה, 302 זז', "ה. לייוויק־פאַרלאַג", תל־אביב 1994. חוץ די ניין דערציילונגען וועגן חורבן און ווידערשטאַנד, וואָס איז די שטענדיקע טעמע פון מאיר יעלינס שאַפן, איז אויך פאַראַן אַן אָפּטייל "דאָס געזאָגטע וואָרט", וועגן וועלכן דער מחבר קלערט אויף: "ווי איינער וואָס איז אַרויס מיטן לעבן פון היטלערס הריגה־שטאָט, אַ געטאָ, פלעגט מיר אָפּט אויסקומען עפנטלעך צו זאָגן אַ וואָרט וועגן דער נאַצי־תקופה. פּובליקיר איך (...) אַן אָפּקלייב פון אָט די געזאָגטע ווערטער, פּרווונדיק אויסלייזן זיי פונעם חיי־שעה־לבוש..."

* ה. בנימין: "טאַקע אויף טשיקאַוועס", געקליבענע לידער, 170 זז', צייכענונגען - מ. קופּערמאַן, פאַרלאַג "דריי שוועסטער", ראָוון ד'ווײלז 1994. ה. בנימין איז דער פּען־נאָמען פון פּראָפעסאָר בנימין הרושאָווסקי (הרשב), אַ באַוווּסטער פאָרשער פון דער העברעישער און יידישער ליטעראַטור און טעאָרעטיקער פון סעמיאָטיק. ער איז דער מחבר פון אַ סך ביכער, אָבער "טאַקע אויף טשיקאַוועס" איז דאָס צווייטע לידער־בוך וואָס ער האָט אַרויסגעגעבן אויף יידיש. דאָס ערשטע בוך "שטויבן" איז אַרויס אין מינכען אין 1948.

אין זיין קורצן פאָרוואָרט - "יידישע לידער", דערציילט דער מחבר: "כ'בין אַוועק פון יידיש ווייל כ'האָב געגלייבט אַז מ'דאַרף אויפבויען אַ שטאַרקע וועלטלעכע קולטור און געזעלשאַפט אין ישראל, און דאָס איז מעגלעך נאָר אין העברעיש... יידישע ווערטער האָבן זיך מיר אָבער געבאָמבלט אונטער דער צונג, און אויך די מוזיקאַלישע מעטערס פון דער יידישער פּאָעזיע... אין 1959 ווען כ'בין געווען אַ סטודענט אין אַמעריקע, האָב איך אונטער מאַקס וויינרייכס השפּעה זיך צוריקגעקערט צו יידיש... אָבער ערשט צוואַנציק יאָר שפּעטער האָב איך זיך ווידער געלאָזט שפּילן מיט יידישע ווערטער און גראַמען".

* מ. צאַנין: "דער מיטאָס גלות", עסיי, 19 זז', תל־אביב 1994. אין דער קליינער בראָשור באַהאַנדלט דער מחבר אַ גרויסע טעמע - די וועגן פון יידישן גורל - און ער שטעלט פעסט צווו. אַנד.: "דער יידישער גלות האָלט אָן קאַרגע צוויי טויזנט יאָר און יידן זענען נאָך אַלץ אין גלות אַפילו ביי דער עקזיסטענץ פון דער יידישער מדינה..."

* "די גאָלדענע קייט" נומ. 137, תל־אביב 1993. רעדאַקטאָר - אברהם סוצקעווער, רעדאַקציע־סעקרעטאַר - אַלכסנדר שפּיגלבלאַט.

---

אויסצייכענונגען פאַר גוטער אַרבעט. אַלע, ווי דערמאָנט, טוען גוטע אַרבעט. אָבער טייל טוען אַ ביסל מער. ווילן מיר היינט מאַכן אַן אויסנאַם און זאָגן אַ ספּעציעלן דאַנק צו זעלדע מאַלעוויטש. נישטאָ קיין שום שווערע אַרבעט פאַר איר. שאַצן מיר עס אָפּ און גיבן איר אַ קליינע מתנה. נוצט עס ביידע, פּסח און זעלדע, געזונטערהייט!

## רשימה פון חברים און פריינד
## וועלכע האָבן בייגעשטייערט פאַרן יידישן קולטור קלוב
## בעת דעם באַנקעט, זונטיק דעם 5־טן יוני 1994

| | | |
|---|---|---|
| 500 | דאָל. | דוד און רחל קאַפּלאַן |
| 200 | " | הערי און טאָני הירש, עטל סייד |
| 136 | " | סימאַ קאַרפּ-לעפּקאָוויטש |
| 100 | " | יעקב און רעגינע לעווין, מענדל און רחל סלוצקי, יעקב און דאָרע שייפער, גרשון און מרס דזשערוס, מר און מרס. שעפּס |
| 75 | " | מאַניע שראָגין |
| 60 | " | יוסף און העלען סאָסקי |
| 54 | " | פּסח און זעלדע מאַלעוויטש |
| 50 | " | וואָלף און געניאַ אַלבאַ, שלמה און לילקע מייזנער, מאַשאַ הענלי, שיינדל פאַנטיין, מ.פּ. פעלנער-מאַראָקאָ, חיה פרידמאַן, לזכר גרשון פרידמאַן |
| 40 | | חיים ציעשינסקי |
| 36 | " | אסתר כהן, משה און דאָראָטי שקליאַר |
| 35 | " | יעקב זעלמאַן, דוד לובין |
| 25 | " | רחל אָורוטין, דוד און בעלאַ אָסיפּאָוויטש, מרים באַכראַך, סטענלי און פרענציס בונין, מאַניע און רחל גאַרפּיין, ליאָוואַ וויינזאַפּט, פראַניאַ וועלטמאַן, ריווע זאַלאָטאַראָף, בעריש און סאַלי טויבער, אסתר לישפּיץ, ראָוז מילשטיין, סאַלי פּאָליאַקאָף, קושינסקי, לעאָ און דזשוליאַ קראַשען, שאול קריסטאַל, דאָראָטי ראָזענמאַן, גאָלדע שייקאָווסקי, נתן שטיינמאַן |
| 20 | " | ליובע גילינסקי, סעפּאַדאַ, הערי עדעלמאַן |
| 18 | " | מינע האַלבערט, דזשוליאַ פרישמאַן, רחל פּערעלסאָן, פריידל טראָפּימאָוו, מלכה שאָו |
| 15 | " | ישראל און מאַרגיט זיסמאַן |
| 10 | " | שפרה טייטלבוים |

* "ירושלימער אַלמאַנאַך" נומ. 123 תל-אביב 1993, רעדאַקטאָר יוסף קערלער, מיטרעדאַקטאָר - דב־בער קערלער.

* ד ו ד ה אָ פּ ש ט י י ן פּ ר י י ז. ווי יעדעס יאָר צום פאַרטיילן דעם פּרייז אויפן נאָמען פון גרויסן דיכטער ד ו ד ה אָ פּ ש ט י י ן, איז אויך דאָס מאָל דערשינען אין תל־אביב אַ בראָשור מיט אָפּהאַנדלונגען וועגן די געפּרייטע: ש ל מ ה ו ו אָ ז א ג ע ר (דיכטער) און מ י כ א ל מ י ל ב ע ר ג ע ר (סקולפּטאָר). פאַראַן אויך אייניקע לידער דוד האָפּשטיינס, זיינס אַ בריוו צו שמואל ניגער און בריוו צו האָפּשטיינען פון אייניקע סאָוועטיש־יידישע שרייבער.

* "א ו י פ ן ש ו ו ע ל" פאַר אַפּריל־יוני 1994. ניו־יאָרק. רעד. ד"ר מרדכי שעכטער.

* "ל ע ב נ ס ־ פ ר אַ ג ן" פאַר יולי־אויגוסט 1994, תל־אביב. רעד. יצחק לודען.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט


דער דיסטריקט קאָמיטעט פון

# אַרבעטער רינג

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע מיטגלידער און פריינד בכל מקום שהם.

לאָמיר דערלעבן צו אַן אמתן שלום צווישן ישראל און אירע שכנים, ווי אויך אַן אמתן שלום אויף דער וועלט.

## THE WORKMEN'S CIRCLE

1525 S. Robertson Blvd., Los Angeles, Calif. 90035

(310) 552-2007



**לשנה טובה תכתבו ותחתמו**

# א הסתדרות אַניואַיטי טראַסט-קאָנטראַקט

- פון דער -

# ישראל הסתדרות פונדאַציע

אינקאָרפּאָרייטעד

פאַרזיכערט אייך און אייער פרוי: -

* אַ יערלעכע הכנסה אַזוי הויך ווי 10% (לויט די יאָרן); און
* באַרייטנדיקע איינשפּאָרונגען: הכנסה־שטייער, ירושה־שטייער, "פּראָבעיט"־הוצאות, ווי אויך פונעם "קאַפּיטל־געינס"־שטייער אויף סעקיוריטיס, וואָס איר האלט לענגער ווי 6 חדשים. זייט איר פאַראינטערעסירט...

אין העלפן זיך אַליין דורך העלפן ישראל?
אויב יאָ... טוט זיך אַליין אַ טובה און דערקונדיקט אייך וועגן דעם נייעם 10% פּראָצענט הסתדרות אַניואַיטי טראַסט פונדאַציע.

**אברהם פּרענק, עקזעקוטיוו־דירעקטאָר**

---

**HISTADRUT ANNUITY TRUST**
**of the ISRAEL HISTADRUT FOUNDATION, Inc.**
811 Wilshire Blvd., Suite 1700 * Los Angeles, Calif. 90017
Telephone: (213) 683-8036

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

# לאָס אַנזשעלעסער
# יידישער קולטור קלוב

שיקט זיינע האַרציקע שנה טובה ברכות צו אַלע
אונדזערע מיטגלידער און פריינד
בכל מקום שהם

**תכלה שנה וקללותיה**

**תחל שנה וברכותיה**

**ציוניסטישער אַרבעטער־פאַרבאַנד**

**יידיש צווייג**

נאָרמאַן קאַרין - אסאָסייעטעט־פרעזידענט
מרדכי בן־דוד - וויצע־פרעזידענט
לעאָ ראָזענבלאַט - וויצע־פרעזידענט
בערטאַ קאַרין - פינאַנץ־סעקרעטאַר

---

**יידישע חבורה פון פאַסיפיק פּאַליסיידס**

**בעסטע ווונטשן צום נייעם יאָר,**

**צו אַלע אונדזערע פריינד**

**און שלום אויף דער וועלט און ישראל**

אירווינג טייטלבוים - פרעזידענט

---

יום־טובדיקע גרוסן און ווּנטשן צו די שרייבער,
אַדמיניסטראַציע און לייענער פון "חשבון". זאָלן אייערע הענט
געשטאַרקט זיין ביים פאַרשפּרייטן און פּאָפּוליאַריזירן די
קולטור־אוצרות, אָנגעזאַמלטע און געשאַפענע אין יידישן לשון.

שעלבי שאַפּיראָ
בעטעסדאַ, מערילענד

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

לייגער - שרה, שמחה און משפחה

צו משפחה, חברים, פריינד און מיטאַרבעטער

שנת ברכה והצלחה

הירש - צבי, טאָני און אילאי

וואַנאַמייקער משפחה

ד"ר שייפער - בענסאָן און דאנא

פּאָרטלאַנד, אָרעג.

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

---

ד"ר האדא

---

ד"ר פישמאַן – בערט און בעטי

פּאַסאַדינא קאַל.

---

פרידמאַן – חיה

אין אָנדענק פון מיין מאן גרשון פרידמאַן

---

בלושטיין – שרה און נחום

---

שעפּס – שמעון און חנה

---

גאָרפיין – רחל און מאָניע

---

שייפער – דאָראַ און יעקב

---

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

העַנדל - שלמה

לעווין - רעגינא און יעקב

לאַנצמאַן - בערנאַרד

לובין - דוד און משפחה

לעוואַנטאַל - בעבאַ און לי

טשעסנין - רחל און פימא

פאָנטיין - דזשין
אין אָנדענק פון מיין מאַן אירווינג

פעלנער - פייגע און משה מאַראָקאָ

פאָזי - בעלאַ און משפחה,
אין אָנדענק פון מיין ליבן מאַן אריה פאָזי
מיר וועלן אים קיין מאָל נישט פאַרגעסן

שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום
על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאָרער וועלט

קאַפּלאַן - רחל און דוד

סאָסקי - העלען און יוסף

קאַרפּ-לעווקאָוויץ - סימאַ

רוהמאַן - חנה

שאַפּיראָ - רעי און מאַרטאַ

שאַרף - עלסי, לאָרי און משפחה

סלוצקי - רחל און מענדל

**דרורה קלוב נעמת**

ליובא שלאַפּמאַן - פּרעזידענט

פרימע גאָרענשטיין - וויצע-פּרעז.

בערטאַ קאָרין - פינאַנץ-סעקר.

רעגינאַ שירלער-קאַסירער

**הצפירה**

**סימאַ קאַרפּ-לעפקאָוויץ**

פּרעזידנענט

## שנת ברכה והצלחה צו אונדזערע פריינד און באַקאַנטע ושלום על ישראל אין מדינת ישראל און איבער דער גאַרער וועלט

גאָלדמאַן - האָדל
דאָבינס - א.ס.
הענדל - שלמה
הענלי - מאַשאַ
וועלטמאַן - פראַניע און משפחה
ליפשיץ - אסתר
מאַלעוויטש - פסח און זעלדע
סלוצקי - יעווגעניאַ און אברהם
פערעלסאָן - רחל
קאָהען - אסתר
שלאָסער - נעכע

אַוורוטין - רעי
אַלפער - מאַקס
באַסנער - יעקב און דאָראַ
באַרנעס - מאָרי און רות
בונין - סטענלי או פרענציס
בורמאַן - געניע און ראַי
גאָרענשטיין - פרומע
גילינסקי - ליובאַ

האַלפערט - מינאַ
הערבסט - טשאַרנע און גרשון
הערבסט - מרים און הערשל
ווודס - בנימין און חנה
זאַלען - ריטשאַרד
זשוק - חיים און סאַבינאַ
טייטלבאום - שפרה
לעכאָוויצקי- דוואָשע און אהרון
מייזנער - לילקע און שלמה
סאַפּיאַן - העלען
סילבער - אַדעל און יצחק
פערל - מאַרק
צוקערמאַן - מאַרווין
קאָוטין - הערי
קריסטאַל - שלום
ראַבינאָוויטש - אהרון
ד"ר שאו - מעני און מלכה
שטיינמאַן - נתן
שנור - פאַניע, יוסף און משפחה
שעלי - שרה
שקליאַר - דבורה און משה
ראָטמאַן - לואיס און רעגינאַ

אונדזערע חשובע און טייערע פריינד

### שרה און שמחה ליינער

ווינטשן מיר אַ רפואה שלמה
די פאַרוואַלטונג און מיטגלידער פון קולטור־קלוב
רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון "חשבון"